ДВ нац(Ев
E 223



# ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט

היסטאָרישע ספּראַווקע

אינדוסטריע

קולטור

לאַנדווירטשאַפֿט

באראָווסקער
ער = פֿארלאג
1966

2Внац(Евр)+1В191
Е 223

# ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט

זאמלונג פון ארטיקלען

1500157
Хабаровск. краевая
БИБЛИОТЕКА

כאַבאַראָווסקער
ביכער־פארלאג
1966

Бю/187

# אינ אנ אײנהײַטלעכער בּרידערלעכער מישפּאָכע

בּיראָבּידזשאנ... סאכאקל עטלעכע אונ דרײַסיק יאָר זײַנענ אוועק, זינט יענער צײַט, ווענ אפ די געאָגראפישע קארטעס האָט זיכ באוויזנ דאָס דאָזיקע וואָרט, וואָס האָט אינ זיכ ארײַנגענומענ די נעמענ פונ צוויי אמורער בײַטײַכנ—בּירא אונ בּידזשאנ. בּיז דעמ איז דאָ געווענ די שטילינקע, באשיידענע, קיינעמ, כוץ די אָרטיקע טוישווימ, ניט באַוווסטע טיכאָנקאיא—א קליינינקער, אינ דער טײַגע פארלוירענער פּאָלוסטאנאָק. אינ הילצערנע שטיבּלעכ — פּריוואטע אונ אמטלעכע, אויסגעבּויטע בּײַס מע האָט דאָ דורכגעלייגט די גרויסע סיבּירער אײַזנבּאנ, האָבּנ געלעבּט בּא א הונדערט פאמיליעס פונ אײַזנבּאנער, יעגערס אונ פישפאנגער. אלע האָבּנ זיי בּיסלעכווײַז זיכ פארנומענ אויכ מיט גערטנערײַ. געווענ איז אינ טיכאָנקאיא אנ אָנפאנג־שול, א פּאָטשט־אָפּטיילונג, א קלייטל אונ מער גאָרניט.

פונ אָט אזעלכע אונ נאָכ קלענערע יישוּווימ, איינער פונעמ אנדערנ מײַלנ ווײַט, איז באשטאנענ די גאנצע זאָנע לענגויס דער אײַזנבּאנ. גרעסער זײַנענ געווענ בּלויז די סטאנציעס אָבּלוטשיע, בּירא, א י נ. בּא די טײַכנ אמור, בּירא אונ בּידזשאנ האָבּנ זיכ געצויגנ שוינ גאָר שיטערע שנירלעכ דערפער, ווו מע האָט דעמאָלט ניט געוווּסט ניט פונ קיינ עלעקטריע, ניט פונ קיינ מאשינעס. די גאנצע טעכניק — א פלוג, א בּאָראָנע, פערד־אונ־וואָגנ. אונ ארומ־אונ־ארומ אפ דער אָנבּרעגיקער ראכוועס—א גרינער יאמ ניט גערירטע, צומאָל אפילע דורכ א מענטשנס פוס ניט בּאטראָטענע אורעלטע טײַגע.

דער ווײַטמיזרעכדיקער קאנט האָט צו יענער צײַט קוימ באוויזנ פארהיילנ די ווונדנ נאָכנ בּירגערקריג אונ אויסלענדישער אינטערווענצ. פריש זײַנענ געווענ די בּערגלעכ ערד אפ די קוואָרימ פונ די אומגעקומענע קריגסלײַט, נײַ האָט אויסגעזענ דער דענקמאָל די העלדנ—פּאָלקסארמייער אונ רויטע פּארטיזאנענ אפ דער לעגענדארער וואָלאָטשײַעווקער סאָפּקע.

אָט אפ דער דאָזיקער ערד, א בּאגאָסענער מיטנ הייסנ בּלוט פונ די קעמפער פאר פרײַהײַט אונ גליק פונעמ פאָלק, איז אינ 1928 יאָר געלייגט געוואָרנ דער פונדאמענט פונ דער סאמע יונגער אינעמ פילנאציאָנאלנ סאָוועטנפארבּאנד יידישער אווטאָנאָמער געגנט. דאָס איז צו־

נויפגעפאלנ מיטנ אָנהייב פונ די גראנדיעזע אופבוי־ארבעטנ אינעמ גאנצנ לאנד, אונ די באהערשונג פונ די טײַגע־מאסיוונ מיט זייערע פילצאָליקע, צו יענער צײַט נאָכ זייער שוואכ אויסגעפאָרשטע, רײַכטימער איז געווענ, זאָל זײַנ ניט קיינ גרויסער, אָבער אָרגאנישער טייל פונעמ גרויסארטיקנ פלאנ פונ די ערשטע פינפיאָרנ — דעמ לענינישנ פלאנ פונ אויסבויענ דעמ סאָציאליזמ.

די געשיכטע פונ אויספאָרשנ אונ באהערשנ די טעריטאָריע פונ דער איצטיקער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, פונקט ווי די טעריטאָריע פונ דער גאנצער בײַאמורער זאָנע, שטעקט אָנ אזש אינ XVII יאָרהונדערט, צו די עקספעדיציעס פונ די געוואגטע רוסישע ערדפאָרשער פאָיארקאָוו אונ כאבאראָוו. אָבער ערשט אינ דער צווייטער העלפט פונעמ XIX יאָרהונדערט האָט מענ די דאָזיקע טעריטאָריע גענומענ באזעצנ. די געשיקטע אהער, צו דער מעלוכע־גרענעצ, בײַקאלער קאָזאקנ האָבנ אויסגעבילדעט לענגויס דעמ אמור ביז סאמע כאבאראָווסק א ריי סטאניצעס—קאָרדאָנענ. פיל פונ די דאָזיקע ייִשוּווימ האָבנ אדײַעמ פארהיט זייערע דעמאָלטיקע נעמענ. ביסלעכווײַז האָבנ זיכ די איבערוואנדערער באזעצט אויכ אפ די ברעגנ פונ די אנדערע טײַכנ.

דער צווייטער איבערוואנדערונג־שטראָמ איז געגאנגענ לויט דער טראסע פונ דער אמורער אײַזנבאנ, וועלכע האָט זיכ געבויט פונ 1908 ביז 1916 יאָר. צוערשט האָבנ זיכ דאָ באזעצט הויפטזאכלעכ אײַזנבאנער, שפעטער, ווענ די בויונג פונ דער אײַזנבאנ האָט זיכ פארענדיקט, איז די באפעלקערונג געוואָרנ א מער פארשיידנארטיקע לויט אירע באשעפטיקונגענ.

די טוישווימ פונ דער געגנט, צוזאמענ מיט אלע ארבעטנדיקע פונעמ קאנט, האָבנ אונטער דער אָנפירונג פונ די רומפולע ווײַטמיזרעכדיקע באָלשעוויקעס זיכ אקטיוו באטייליקט אינעמ קאמפ קעגנ די אויסלענדישע אינטערווענטנ אונ די ווײַסגווארדייער. אָנגעשטרענגטע מי האָט זיכ געפאָדערט, קעדיי אופשטעלנ די רויִנירטע פאָלקסווירטשאפט נאָכ דער מילכאָמע. אָבער אויכ צומ שלוס פונעמ אופשטעלונגס־פעריאָד איז די טעריטאָריע פונ דער איצטיקער געגנט נאָכ אלצ פארבליבנ א ווייניק באלעבטע. דער פארזיי פונ לאנדווירטשאפטלעכע קולטורנ האָט באטראָפנ סאכאקל 17 טויזנט העקטארנ. די אינדוסטריע האָט זיכ קוימקוימ אָנגעהויבנ אנטוויקלענ: אינעמ ייִשעוו ניקאָלײַעווקע האָט געארבעט א געהילצ־זאוואָד, אינעמ טאָל פונעמ טײַכ סוטארע האָט מענ געגראָבנ גאָלד. כוצ דעמ זײַנענ נאָכ געווענ עטלעכע ניטגרויסע ווערקשטאטנ אפ צו באדינענ די אײַזנבאנ.

דער אָנהייב פונ אינטענסיוונ באהערשנ די טעריטאָריע פונ דער קינפטיקער געגנט איז פארבונדנ מיטנ באשלוס פונעמ פרעזידיומ פונ צענטראלנ אויספירקאָמיטעט פונ פססר פארנ 28 מארט 1928 יאָר: „...פארפעסטיקנ צוליב די נייטנ פונ באזעצנ מיט ארבעטנדיקע ייִדנ די פרײַע ערדנ אינ בײַאמורער זאָנע פונעמ ווײַטמיזרעכדיקנ קאנט, וועלכע שליסנ אײַנ דעמ ביראָבידזשאנער ראיאָנ אינ פאָלגנדיקע אומגעפער גרענעצנ: לענגויס דעמ טײַכ אמור, מײַרעוודיקער פונ דער



שטאָט כאבאראָווסק ביז דער לעפצונג פונעמ טײַכ כינגאנ אונ לענגויס דעמ טײַכ כינגאנ ביז דער אײַזנבאנ; ווײַטער, צאָפנדיקער פונעמ אײַזנבאנ־פאס אפ מיזרעכ ביזנ טײַכ אורמי אונ לענגויס די טײַכנ אורמי אונ טונגוסקע אונ אפ מיזרעכ לויט דער ליניע מײַרעוודיקער פונ כאבאראָווסק". דערבײַ איז געווענ פאָרויסגעזענ די מעגלעכקײַט צו שאפנ אינעמ אָנגעוויזענעמ ראיאָנ אנ אדמיניסטראטיוו־טעריטאָריעלנ איינס.

אינ 1928 יאָר האָבנ איבערנ טויזנטמײַליקנ וועג פונ די צענטראלע רוסלענדישע געגנטנ, פונ אוקראַינע אונ ווײַסרוסלאנד זיכ אוועקגעלאָזט אפנ ווײַטנ מיזרעכ עשעלאָנענ איבערוואנדערער, אונ באלד נאָכ זיי—צוגנ מיט פארשיידענע מאשינעס, בוי־מאטעריאלנ, פראָדוקטנ.

ברידערלעכע פרײַנטשאפט האָט גלײַכ פונ די ערשטע טעג זיכ אײַנגעשטעלט צווישנ די טוישווימ אונ די נײַ־געקומענע.

בלויז א קליינער טייל פונ די ערשטע ייִדישע איבערוואנדערער האָט געהאט אנ אנונג אינ פראגנ פונ לאנדווירטשאפט. פאר דער מערהײַט איז עס געווענ נײַ אונ אומגעוויינלעכ. איז זיי טאקע ניט לײַכט אָנגעקומענ דאָס באהערשנ די הארבע, קיינמאָל ניט געאקערטע ווײַטמיזרעכדיקע רויערד. צוהילפ זײַנענ געקומענ די אײַנוווינער פונ יעקאטערינאָ־ניקאָלסק אונ פוזינאָ, אלעקסאנדראָווקע (אצינד ביראָפעלד) אונ לאזארעוואָ, רוסקאיא פאָליאנא אונ אנדערע דערפער. זיי האָבנ געלערנט די איבערוואנדערער די קונסט פונ אקערנ אונ זייענ, קאָסענ היי אונ האקנ וואלד, בויענ הײַזער אונ ווירטשאפטלעכע געבײַענ.

שפעטער, אינ פראָצעס פונ קאָלעקטיוויזאציע, האָבנ זיכ געשאפנ איינהײַטלעכע אינטערנאציאָנאלע ווירטשאפטנ, אזעלכע, ווי דער קאָלווירט „איליטשס געבאָטנ" אינעמ ביראָבידזשאנער ראיאָנ, דער אמורער סאָווירט אינ אָקטיאבערישנ ראיאָנ, וווּ די אָרטגעבירטיקע ווײַטמיזרעכדיקע טוישווימ אונ די נײַ־געקומענע ייִדישע איבערוואנדערער בילדנ א באהעפטע מישפאָכע האָרעפאשניקעס פונ דער לאנדווירטשאפט. אינטערנאציאָנאלע לויט זייער באשטאנד זײַנענ אויכ אסאכ קאָלעקטיוונ פונ די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ אינ דער געגנט.

פונ סאמע אָנהייב האָט זיכ די געגנט געבויט בא דער אקטיווער הילפ פונעמ גאנצנ סאָוועטנפארבאנד, אינ ברידערלעכער איינִיקײַט פונ די ארבעטנדיקע פונ פארשיידענע נאציאָנאליטעטנ, וועלכע באפעלקערנ זי. טאקע דאָס האָט מעגלעכ געמאכט די שנעלע אנטוויקלונג פונ איר עקאָנאָמיק אונ קולטור.

שוינ אינ 1929 יאָר האָבנ די איבערוואנדערער אופגעהויבנ 2.100 העקטאר רויערד אונ פארזייט 710 העקטאר מיט פארשיידענע לאנדווירטשאפטלעכע קולטורנ. עס זײַנענ געגרינדעט געוואָרנ נײַע דערפער—וואלדהיימ, אמורזעט אונ אנדערע. אפ צו באפרידיקנ די שטייגער־באדערפענישנ פונ דער באפעלקערונג זײַנענ געשאפנ געוואָרנ פינפ געווערב־ארטעלנ. אינעמ פאָלגנדיקנ, 1930 יאָר זײַנענ אופגעקומענ די ערשטע גרויסע קאָלווירטנ, דער ביראָבידזשאנער טוווּע־סאָווירט באמ אמור. אינ 1932 יאָר זײַנענ שוינ געווענ דרײַ מעליִאָראטיווע סטאנ־

ציעס, דער פארזיי־שעטעכ האָט זיכ פארבּרייטערט בּיז 29 טויזנט העקטאר. אינעמ זעלבּנ יאָר איז געעפנט געוואָרנ דער ערשטער ספּעציעלער לערנ־אנשטאלט — דער טעכניקומ פונ מעכאניזירנ די לאנדווירטשאפט, עס האָבּנ אָנגעהויבּנ דערשײַנענ די אָרטיקע צײַטונגענ „בּיראָבּידזשאנסקאיא זוועזדא" אונ „בּיראָבּידזשאנער שטערנ".

אינ אווגוסט 1930 יאָר ווערט דער בּיראָבּידזשאנער ראיאָנ, וועלכער האָט בּיז דאנ געהערט צו דרײַ פארשיידענע ראיאָנענ, אויסגעטיילט אינ א זעלבּשטענדיקנ ראיאָנ מיטנ צענטער אינעמ דאָרפ טיכאָנקאיא. דער פריער קיינעמ ניט באוווּסטער טײַגישער פּאָלוסטאנאָק הייבּט אָנ שנעל וואקסנ. אינ צוזאמענהאנג דערמיט איז ער אינ 1931 יאָר פארוואנדלט געוואָרנ אינ א יִישעוו בּיראָבּידזשאנ (א שטאָט איז עס געוואָרנ אינ 1937 יאָר).

דערפאָלגרײַכ האָט זיכ דער ראיאָנ אנטוויקלט אויכ אינ די ווײַטערדיקע יאָרנ. אדאנק דעמ האָט דער צענטראלער אויספירקאָמיטעט פונ פססר דעמ 7 מײַ 1934 יאָר אָנגענומענ א באשלוס: „פארוואנדלענ דעמ בּיראָבּידזשאנער יִידישנ נאציאָנאלנ ראיאָנ אינ א יִידישער אווטאָנאָמער געגנט אינ באשטאנד פונעמ ווײַטמיזרעכדיקנ קאנט".

דעמ 18 דעקאבּער 1934 יאָר איז אינ בּיראָבּידזשאנ צונויפגערופנ געוואָרנ דער ערשטער געגנטלעכער סאָוועטנ־צוזאמענפאָר. דעמ 4—6 יונ 1935 יאָר איז פאָרגעקומענ די ערשטע געגנטלעכע פארטיי־קאָנפערענצ.

לויט איר קלימאט אונ נאטור־באדינגונגענ געהערט די טעריטאָריע פונ דער געגנט צו די סאמע געבּענטשטע ווינקעלעכ פונעמ ווײַטנ מיזרעכ.

דער שעטעכ, וועלכנ די געגנט פארנעמט, באטרעפט 35.700 קוואדראטע קילאָמעטער. דאָס איז מער איידער די טעריטאָריע פונ אזעלכע אייראָפּייִשע מעלוכעס, ווי האָלאנד אָדער בּעלגיע...די געגנט געפינט זיכ צווישנ 47°40'' אונ 49° 20'' צאָפנ־בּרייט, דאָס הייסט, אפ איינ פּאראלעל מיט כארקאָוו אונ ראָסטאָוו־אפנ־דאָנ. פונ אָבּלוטשיע אפ מײַרעוו בּיז דער סטאנציע פּרִיאמורסקאיא אפ מיזרעכ, אפ א מעהאלעכ פונ 323 קילאָמעטער, גייט דורכ איבּער דער געגנט די גרויסע סיבּירער מאגיסטראל. אפ א שטרעקע פונ 500 קילאָמעטער—פונעמ דאָרפ פּאשקאָוואָ בּיזנ יִישעוו אפ טעלמאנס נאָמענ — ווערט זי באשווענקט דורכנ פילוואסערדיקנ אמור. קימאט אפ אָט דער גאנצער שטרעקע לויטנ אמור גייט דורכ די מעלוכע־גרענעצ מיט דער כינעזישער פאָלקס־רעפּובּליק. אפ מײַרעוו גרענעצט די יִידישע אווטאָנאָמע געגנט מיט דער אמורער געגנט, אפ צאָפנ אונ צאָפנ־מיזרעכ — מיט די ראיאָנענ פונ דער קאנטישער אונטערגעאָרדנטקײַט ווערכניע־בּורייער אונ כאבּאראָווסקער.

די געגנט איז אײַנגעטיילט אפ פינפ אדמיניסטראטיווע ראיאָנענ — אָבּלוטשיער, בּיראָבּידזשאנער, לענינסקער, אָקטיאבּערישער אונ סמידאָוויטשער. זי פארמאָגט אינ איר באשטאנד צוויי שטעט — בּיראָבּידזשאנ אונ אָבּלוטשיע אונ 12 יִישוווימ פונ שטאָטישנ טיפּ: כינגאנסק, איזוועסטקאָווי, בּיראקאנ, קולדור, לאָנדאָקאָ, טעפּלאָאָזיאָרסק, בּירא,



סמידאָוויטש, ניקאָלײַעווקע, וואָלאָטשײַעווקע־II, פּרִיאמורסק אונ אפ טעלמאנס נאָמענ.

אפ העכער א העלפט פונ דער טעריטאָריע פונ דער געגנט איז דער רעליעפ א פלאכער, אפ דער איבּעריקער טייל ציִענ זיכ ניט קיינ גרויסע בּארג־קייטנ אונ באזונדערע סאָפּקעס. די ניטגלײַכמעסיקע פארטיילונג פונ אטמאָספער־אָפּזאצנ אינ פארלויפ פונעמ יאָר שאפט געוויסע שוועריקײַטנ פארנ ערדארבּעטער, אָבּער די שעפע פײַכטקײַט אונ זונ דערלויבּט אויסצוכאָוועונ הויכע גערעטענישנ פונ אלע לאנדווירטשאפטלעכע קולטורנ. בּא א געניטער אונ זאָרגזאמער אופּפּאסונג באווײַזנ צײַטיק ווערנ אפילע אזעלכע ליבּהאָבּער פונ ווארעמקײַט, ווי קאווענעס אונ דיניעס.

א דריטכיילעק טעריטאָריע פונ דער געגנט פארנעמענ וועלדער, וואָס צייכענענ זיכ אויס מיט וווּנדערלעכער פארשיידנארטיקײַט פונ מינימ בּיימער. פּונקט ווי עס וואָלטנ זיכ צונויפגעטראָפנ צאָפנ אונ דאָרעמ. ווײַנטרויבּנ פלעכטנ ארומ אייבּיק־גרינע יאָדלעס, א פּראָבּקע־בּוימ וואקסט באנאנד מיט צעדער־בּיימער אונ פּיכטעס. רײַכ איז די טײַגע מיט יאגעדעס, ווילדוואקסנדיקע פּרוכטבּיימער, שוואָמענ...

פארשיידנארטיק איז אויכ די בּאלעכײַימ־וועלט. עס באווינענ די טײַגע דער הירש אונ קאבּאנ, דער בּארסוק אונ יענאָט, דער האָז, די קאָסוליע אונ דער פוקס. אינ דער רעזערוואציע שוכי־פּאָקטאָי ווערט קולטיווירט דער סויבּל. פונ יאגד־פויגלענ געפינט איר דאָ פאזאנעס, קוראָפּאטקעס, ריאבּטשיקעס, פיל מינימ ווילדע ענטלעכ אונ אנדערע.

בּא א הונדערט מינימ פיש זײַנענ פאראנ אינעמ אמור אונ זײַנע בּײַטײַכנ, דערונטער אזעלכע ווערטפולע, ווי סאזאנ, זשאָלטאָשטשאָק, טײַמענ. אינ אויבּער־שטראָמ פונ די טײַכנ בּירא אונ בּידזשאנ קומט אָפּלייגנ רויג די קעטא. דאָ זײַנענ געשאפנ געוואָרנ דער טעפּלאָווסקער אונ בּידזשאנער פישצוכט־זאוואָדנ. פאר די יאָרנ פונ זייער עקזיסטענצ האָבּנ זיי שוינ ארויסגעלאָזט אינ די אָפענע באסיינענ הונדערטער מיליאָנענ קינסטלעכ אויסגעכאָוועטע פישלעכ.

אנ עמעסער אויצער זײַנענ די ערד־רײַכטימער פונ דער געגנט. צו זיי געהערנ דאָס בּרייט באוווּסטע כינגאנער געבּורט־אָרט פונ צינ, דאָס גראפיט־ארצ, וואָס מע האָט געפונענ אינ ראיאָנ פונעמ דאָרפ סאָיוזנאָיע אינ אָקטיאבּערישנ ראיאָנ, דאָס קימקאנער אײַזנארצ. באזונדערס רײַכ איז די געגנט מיט רויווארג פאר דער אינדוסטריע פונ בּוי־מאטעריאלנ. אינ איר דאָרעמ־טייל האָט מענ געפונענ געבּורט־ערטער פונ קעראמישע פּעגמאטיטנ, וועלכע גייענ אפ אויסארבּעטנ פארפאָר־אונ פאיאנס־געפעס.

עס דארפ געזאָגט ווערנ אויכ וועגנ די הייל־קוואלנ. ווײַט אויסער די גרענעצנ פונ דער געגנט זײַנענ באוווּסט די הייסע קוואלנ פונ קולדור — דעמ אלפארבּאנדיש בארימטנ ווײַטמיזרעכדיקנ קוראָרט.

אזא איז אינ סאמע קורצע שטריכנ די געשיכטע פונעמ אופקומ פונ דער יִדישער אווטאָנאָמער געגנט. אזא איז יענע באזע, אפ וועלכער עס אנטוויקלענ זיכ דערפאָלגרײַכ איר עקאָנאָמיק אונ קולטור.

דאָס 1966 יאָר—דאָס ערשטע יאָר פונעם נײַעם פינפיאָר—איז באצייכנט געוואָרן מיט א גרויסער פריידיקער געשעעניש אינעם לעבן פונעם כאבאראָווסקער קאנט: פאר די דערגרייכטע דערפאָלגן אינעם אנטוויקלען די פאָלקסווירטשאפט איז ער באלוינט געוואָרן מיט דער העכסטער רעגירונגס־באלוינונג—מיט א לענין־אָרדען. זייער צושטײַער אין דעם האָבן ארײַנגעטראָגן אויך די ארבעטנדיקע פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

מיט גאָלדענע שטערנס פון ארבעטס־העלדן, אָרדענס און מעדאלן פון פססר איז אָפּגעמערקט געוואָרן די מעסירעסנעפעשדיקע, שעפערישע מי פון הונדערטער פאָרגעשריטענע האָרעפּאשניקעס פונעם קאנט. דערונטער זײַנען לויט דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט באערט געוואָרן מיטן טיטל העלד פון סאָציאליסטישער ארבעט דער פאָרזיצער פונעם קאָלווירט „איליטשס געבאָטן” וולאדימיר איזראילעוויטש פעלער און דער פאָרזיצער פונעם קאָלווירט „טרודאָוואיא ניווא” פיאָדאָר יעגאָראָוויטש וואטוטין. צווישן די באלוינטע מיט לענין־אָרדענס—דער טאָקער פונעם זאוואָד „דאלסעלכאָזמאש” יעפים מאָיסייעוויטש וואָלוואָווסקי, די נייטערן־מאָטאָריסטקע כאיע אבראמאָוונא קאראסיק און די ארבעטערן פון דער ביראָבידזשאנער טריקאָטאזש־פאבריק לידמילא איוואנאָוונא סיראָיעדאָווא, די פיציכטלערנס יעקאטערינא סטעפאנאָוונא בילקאָווא און אנא מיכײַלאָוונא קלישטא. צווישן די באלוינטע מיט אן אָרדען פון דער רויטער ארבעטס־פאָן—די וועבערן יעלענא מאקסימאָוונא לעטניקאָווא, די ארבעטערן פון דער וואָליקעס־פאבריק ליובאָוו איזראילעוונא בראָדסקאיא...

א גרופּע טוער פון דער לאנדווירטשאפט, פאָלקסבילדונג און געזונט־פּארהיטונג האָט דער פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון רספסר צוגעייגנט דעם ערן־טיטל פארדינסטפולע. צווישן זיי—די אגראָנאָמען איסאק יאָסיפאָוויטש זאקאָן און מאריא איוואנאָוונא פּאוולענקאָ, די זאָאָטעכניקער פיאָדאָר אנדרייעוויטש מאשארענקאָ און באסיע מענדעלעוונא פּיסקון, די לערערן אנא יעגאָראָוונא דיאָמקינא, דער דירעקטאָר פון דער ביראָבידזשאנער פּעדאגאָגישער שול ציווא איצקאָוונא דוואָרקינא, דער דירעקטאָר פון דער וואלדהיימער מיטלשול איסאק אבראמאָוויטש פּרישקאָלניק, די דאָקטוירים אלעקסאנדר יעפרעמאָוויטש אווטוכאָוו, אָלגא באָריסאָוונא גאָלדבערג און אנדערע פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער אינטעליגענץ.

וואָס נאָך באגײַסטערט אזוי, גיט צו קויכעס און ענערגיע צוליב נײַע אויפטוען ווי די אנערקענונג און באלוינונג פונעם היימלאנד! צוזאמען מיט אלע ווײַטמיזרעכניקעס מיִען זיך אצינד די ארבעטנדיקע פון דער געגנט אומדערמידלעך איבערן אויספילן די גראנדיעזע פּלענער פון דער קאָמוניסטישער בויונג, וועלכע עס האָט אָנגעצייכנט דער צוזאמענפאָר פון קפּסס.

נ. פרידמאן.





דער מוזיי־דענקמאָל אף דער וואָלאָטשײַעווקער סאָפּקע.



דער סאָוועטן־פּלאַץ אין בירא־בידזשאַן.



די נאַטור פון דער געגנט.




די ערשטע פּאַרטיע קאָמבײַנען „סקג־4".



איינער פֿון די צעכן פֿונעם טונגוסקער קאָמבינאַט.



דער טעפּלאָאָזיאָרסקער צעמענט-זאַוואָד.



מאָנטאַזש פון דער סובסטאַנציע פון דער עלעקטראָליניע כאַבאַראָווסק—ביראָבידזשאַן אין ביראָבידזשאַן.

# פונ קוסטארע ארטעלנ ביז מאשינבוי־זאוואָדנ

צווישנ די, וואָס זײַנענ מיט דרײַסיק יאָר צוריק געקומענ אפנ ווײַטנ מיזרעכ בויענ די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט, זײַנענ געווענ אסאכ באלמעלאָכעס. אונ יעדעס מאָל, ווענ אפ דער קלײינקער סטאנציע טיכאָנקאיא פלעגט פארענדיקנ זײַנ לאנגנ וועג אנ אָרדנטלעכער עשעלאָנ איבערוואנדערער, פלעגנ די נײַ־געקומענע מיט פארשטענדלעכנ נײַגער אויספרעגנ בא די טוישווים: אוועלכע מעלאָכעס זײַנענ באזונדערס נייטיק אפנ ווײַטנ מיזרעכ? צי וועט זיכ דאָ געפינענ ארבעט פאר מעבלער, שנײַדערס, שוסטערס, בעקערס, שמידנ? אונ יעדעס מאָל באקומענ א דערפרייענדיקנ ענטפער:

— דער קאנט אונדזערער וואקסט, אנטוויקלט זיכ. ארבעט וועט זיכ געפינענ פאר יעדערנ.

ניט בלויז באזונדערע באלמעלאָכעס, נאָר גאנצע ארטעלנ זײַנענ אינ יענער צײַט אהער אראָפגעקומענ. גיב זיי נאָר א געבײַדע, אויסשטאטונג, מאטעריאלנ — אונ זיי זײַנענ גרייט טייקעפ שטעלנ זיכ צו די ווערקשטאטנ.

אָט אזוי זײַנענ אופגעקומענ די מעבל־ארטעלנ אפ דימיטראָווס נאָמענ אונ „דערעוואָשירפּאָטרעב"; דער ארטעל „שירפּאָטרעב", וואָס האָט אויסגעארבעט פופײַקעס, קאָלדרעס, ארבעטס־קאָסטיומענ; דער טריקאָטאזש־ארטעל „ארבעטערנ", דער ארטעל „מעטאליסט", וואָס האָט זיכ פארנומענ מיט מאכנ וועגענער אונ שליטנס; ארטעלנ, וואָס זייער נאָמענ רעדט אליינ פאר זיכ: „פאנער־זאוואָד", „כימיק", גאלאנטערײַ־פאבריק, „פישטשעפּראָמ" אונ אנדערע.

די טעכניק איז צוערשט געווענ א פרימיטיווע, דער אסאָרטימענט פונ דער פּראָדוקציע—א באגרענעצטער. ניט ווײַט פונ זייערע קוסטארע קאָלעגנ זײַנענ אוועק אויכ די ערשטע אונטערנעמונגענ פונ דער מעלוכע־אינדוסטריע, וועלכע זײַנענ דאנ געשאפנ געוואָרנ אינ דער געגנט, אזעלכע, ווי דער וועגענער־זאוואָד, די נײַ־פאבריק.

קעדײַ אָנשוילעכער פאָרצושטעלנ זיכ די קאָלאָסאלע ענדערונגענ, וואָס זײַנענ זינט דעמאָלט, אונ באזונדערס אינ די נאָכמילכאָמע־יאָרנ, פאָרגעקומענ אינ דער אינדוסטריע פונ דער געגנט, לאָמיר מאכנ א ניט־גרויסע רײַזע איבער די באפעלקערטע פונקטנ לענגויס דער אײַזנבאנ־





עפּל, אויסגעכאָוועטע אפ דער לאנדווירטשאפטלעכער פּרווו־סטאנציע.

מאגיסטראל. וועגנ דעמ, וואָס זיי האָבנ מיט זיכ פאָרגעשטעלט אינ די 30־ער יאָרנ, דערוויסנ מיר זיכ פונ אנ אייגנארטיקנ וועגווייַזער — פונ דער בראָשור „די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט (ביראָבידזשאנ)", וועלכע איז דערשינענ אינ 1934 יאָר.

נאָכ דער שטאָט פונ די אייַזנבאנער — אָבלוטשיע איז איינער פונ די גרעסטע ייִשוווימ — ביראקאנ. וועגנ אימ ווערט אינ דער בראָשור געזאָגט:

„אינ ביראקאנ געפינענ זיכ די ארטעלנ „סמאָלאָקור", „קראסני קלעשטשעוויק" (באָנדער־פראָדוקציע), „1 מייַ" (קאלכ).

אונ אָט איז דער איצטיקער ביראקאנ. פונעמ וואגאָנ־פענצטער זעט מענ א שיינע פילשטאָקיקע געבייַדע. דער ייִשוו איז אויסגעוואקסנ, די געוועזענע שולנ זייַנענ געוואָרנ ענג, האָט מענ מיט עטלעכע יאָר צוריק אויסגעבויט אָט די פרעכטיקע שול מיט פילצאָליקע קלאס־צימערנ, לערנ־קאבינעטנ. עטוואָס ווייַטער ציִענ זיכ די קאָרפוסנ פונ דער ביראקאנער פאפיר־פאבריק — דער איינציקער אינ כאבאראָווסקער קאנט. איר פראָדוקציע — פאק־פאפיר, פאפיר צוליב טעכנישע צוועקנ — האָט א ברייטנ אָפּזאצ ניט בלויז אפנ ווייַטנ מיזרעכ, נאָר אויכ אינ די צענטראלע ראיאָנענ פונעמ לאנד. די מעכטיקייַט פונ דער אונטערנעמונג האלט אינ איינ וואקסנ.

אָנשטאָט דעמ פריִערדיקנ „קראסני קלעשטשעוויק" זייַנענ אפנ ברעג פונעמ בירע־טייַכ אופגעקומענ א געהילצ־זאוואָד אונ א געווערב־קאָמבינאט. די דאָזיקע אונטערנעמונגענ פארגרייטנ אליינ פאר זיכ אינ דער טייַגע געהילצ, ארבעטנ עס איבער אפ זעג־מאטעריאלנ, פעסער אונ אנדערע מינימ טארע. א טייל געהילצ־מאטעריאלנ גייט אפ עקספאָרט.

נאָכ מיט וואָס איז בארימט ביראקאנ? אינ זייַנע אומגעגנטנ זייַנענ פאראנ קאָלאָסאלע רעזערווּנ ראָזעווע מארמאָר. מיט אָט דעמ מארמאָר איז אויסגעפלאסטערט די סטאנציע בעלאָרוסקאיא פונעמ מאָסקווער מעטראָפּאָליטענ.

ניט ווייַט פונ ביראקאנ געפינט זיכ דער לאָנדאָקאָער קאלכ־זאוואָד. וועגנ אימ ווערט אינ דער בראָשור געזאָגט:

„אפ דער באזע פונ קאָלאָסאלע רעזערוונ קאלכשטיינ איז אויסגעבויט געוואָרנ א קאלכ־זאוואָד ניט ווייַט פונ דער סטאנציע לאָנדאָקאָ, 75 קילאָמעטער אפ מייַרעוו פונ ביראָבידזשאנ. לויטנ פראָדוציר־פלאנ דארפ די פראָדוקציע פונעמ זאוואָד אינ 1934 יאָר באטרעפנ 10.000 טאָנ קאלכ".

זינט יענער צייַט איז די פראָדוציר־מעכטיקייַט פונ דער דאָזיקער אונטערנעמונג אויסגעוואקסנ מער ווי אינ 8 מאָל. כוצ דער גרונט־פראָדוקציע, לאָזט ארויס דער זאוואָד אסאכ קינסטלעכנ קרייַד, מאָר־ברעקלעכ, קאלכשטיינ, דאָלאָמיט־שטיינדלעכ, קאלכמעל.

אצינד לעבט איבער דער לאָנדאָקאָער זאוואָד זייַנ צווייטנ געבורט. אינ דער רעקאָנסטרוקציע פונ דער אונטערנעמונג באטייליקנ זיכ אויכ אירע וועטעראנענ. צווישנ זיי לאָמיר אָנרופנ דעמ טאלאנטפולנ אינזשענער סעמיאָנ יעווסייעוויטש פאָליאק. סעמיאָנ יעווסייעוויטש האָט געארבעט אפנ זאוואָד אלס מייַסטער, אלס שעפ פונעמ ארומברענ־צעכ, ניט איינמאָל געוועזנ סעקרעטאר פונ דער ערשטיקער פארטיי־אָרגאניזאציע. אסאכ האָט אופגעטאָנ דער הויפט־אינזשענער אפ צו פארפולקומענ דעמ פראָדוציר־פראָצעס. זייַנ דרייסטע אינזשענערישע לייזונג באמ ענדערנ די שאכטע־אייַנריכטונג פונ די ארומברענ־אויוונס האָט געהאָלפנ צו פארגרעסערנ די פראָדוציר־מעכטיקייַט פונ יעדער אויוונ אפ 15 טאָנ. איצט באקומענ די בויונגענ פונעמ קאנט יערלעכ פונ לאָנדאָקאָ מער פונ 90 טויזנט טאָנ קאלכ. נאָכ דעמ, ווי עס וועלנ רעקאָנסטרויִרט ווערנ אלע אויוונס, וועט דער ארויסלאָז פונ פראָדוקציע אויסוואקסנ ביז 130 טויזנט טאָנ.

דער קאלכ־זאוואָד געפינט זיכ בישכיינעס מיטנ ייִשוו טעפלאָאָזיאָרסק. אזא געאָגראפישער נאָמענ איז אינ דער בראָשור ניטאָ אונ האָט ניט געקאָנט זייַנ. אינ יענע יאָרנ האָט זיכ אפנ קליינינקנ ראזיעזד טיאָפּלאָיע אָזעראָ זעלטנ ווענ אָפּגעשטעלט א צוג. בעעמעס טאקע, וואָס האָט געקאָנט צוציִענ מענטשנ אהער, אינעמ כוטערל, וואָס האָט זיכ געטוליעט צופוסנ הויכע סאָפּקעס? ווייניק־ווער האָט געוווּסט, אז די דאָזיקע בערג אנטהאלטנ א גרויסנ רייַכטומ, אז פונעמ גרויענ שטיינ, וואָס קוקט ערטערווייַז ארויס פונ אונטערנ באָדנ, קאָנ מענ ניט בלויז אויסברענענ קאלכ, נאָר אויכ אויסארבעטנ ברויט פונ דער בוי־אינדוסטריע — צעמענט.

צומ סאָפ פונ די 30־ער יאָרנ האָט מענ אינ טיאָפּלאָיע אָזעראָ אָנגעהויבנ בויענ א צעמענט־זאוואָד. נאָר אָט איז אויסגעבראָכנ די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע. די בויונג האָט מענ געמוזט אָפּשטעלנ, אונ בלויז נאָכנ זיג האָט מענ זיכ צו איר גענומענ ווידעראמאָל. פאר א קורצנ טערמינ האָבנ זיכ א הייב געטאָנ צומ הימל קאָלאָסאלע טרויבנ. איינע נאָכ דער אנדערער זייַנענ געלאָזט געוואָרנ טעכנאָלאָגישע ליניעס. אצינד באטרעפט די פראָדוציר־מעכטיקייַט פונעמ זאוואָד מער פונ 600 טויזנט טאָנ צעמענט א יאָר, אונ צומ סאָפ פונעמ איצטיקנ פינפיאָר וועט זי דערפירט ווערנ ביז א מיליאָנ טאָנ. אומופהערלעכ פארבעסערט זיכ די קוואליטעט פונעמ צעמענט. עס איז שוינ דערגרייכט געוואָרנ די מארקע „600", אלס עקספערימענט איז ארויסגעלאָזט געוואָרנ א פארטיע צעמענט, וואָס האלט אויס דעמ דרוק פונ 700 קילאָגראמ אפ א קוואדראטנ סאנטימעטער. דאָס איז שוינ א רעקאָרד־דערגרייכונג!

ניט ווייַט פונעמ זאוואָד זייַנענ אויסגעוואקסנ קווארטאלנ פילשטאָקיקע וווינהייַזער מיט אלע קאָמונאלע באקוועמלעכקייַטנ. אינעמ ייִשוו פונ די צעמענטלער איז פאראנ א מעדיצינ־שטעטל, א באנאכטיקער פראָפילאקטאָרי, א ברייטעקראניקער קינאָטעאטער, אנ אינדוסטריעלער אָוונט־טעכניקומ, א בויער־שול. דער ייִשוו אונ דער זאוואָד זעצנ פאָר צו וואקסנ. עס קלעקט ארבעט דער טעפלאָאָזיאָרסקער בוי־פארוואלטונג! די אונטערנעמונגענ פונעמ ייִשוו ווערנ רעקאָנסטרויִרט, פארברייטערט, עס בויענ זיכ נייַע וווינונגס־קווארטאלנ, א ברויט־זאוואָד אונ אנדערע אָביעקטנ.

ניט בלויז דער ייִשעוו טעפלאָזיאָרסק האָט זיכ באוויזנ אפ דער קארטע פונ דער געגנט אינ די נאָכמילכאָמע־יאָרנ. אינ א זייַט פונ דער שטאָט אָבלוטשיע, צווישנ די כינגאנער בערג זייַנענ אויסגעוואקסנ א צינ־קאָמבינאט אונ א גרויסער ארבעטער־ייִשעוו. צוגלייַכ מיטנ באַרייַכערנ ארצ אונ ארויסבאקומענ קאסטעריט זייַנענ דער קאָלעקטיוו פונעמ קאָמבינאט, זייַנע ראציאָנאליזאטאָרס באשעפטיקט מיט נאָכ איינ וויכטיקנ איניענ: עס ווערנ געפירט דערפאָלגרייַכע עקספערימענטנ אינ געביט פונ שטיינגיסערייַ. צוליב דעמ זייַנענ דאָ פאראנ פראקטיש אומבאגרענעצטע רעזערוונ באזאלט. דער זאוואָד, וואָס ווערט אצינד געבויט, וועט קאָנענ אויסארבעטנ פאר פארשיידענע צווייַגנ פונ דער פאָלקסווירטשאפט מער פונ הונדערט מינימ דעטאלנ. די עקספערימענטאלע מוסטערנ פונ כינגאנער באזאלט האָבנ באוויזנ, אז זיי קאָנקורירנ מיט דערפאָלג מיט טשוהונ אונ בעטאָנ.

א נייַער ארבעטער־ייִשעוו—פריאמורסק מיט פילדירעדיקע הייַזער, א גרויסער שול, מיט מאגאזינענ, מיט א קולטור־פאלאצ איז אופגעקומענ ניט ווייַט פונעמ ייִשעוו אפ טעלמאנס נאָמענ אינ סמידאָוויטשער ראיאָנ. די פראָדוקציע פונעמ פריאמורסקער זאוואָד פונ סיליקאט־ציגל האָט א גוטנ שעמ ניט בלויז אינ דער געגנט, נאָר אויכ אינ אלע שטעט אונ ייִשוווימ פונעמ קאנט. אינ 1965 יאָר האָבנ די סיליקאטלער אָפגעלאָדנ פאר די בויונגענ פונעמ קאנט 63,5 מיליאָנ שטיק ציגל. דער זאוואָדישער קאָלעקטיוו זוכט אויס נייַע רעזערוונ אפ צו פארגרעסערנ די מעכטיקייַטנ, פארבעסערנ די קוואליטעט אונ אראָפזעצנ דעמ קערנקאָסט פונ דער פראָדוקציע.

עטלעכע קילאָמעטער פונ פריאמורסק געפינט זיכ די עלטסטע אינ דער געגנט אונטערנעמונג פונ געהילצבאארבעטונג. אינ דער בראָשור ווערט זי כאראקטעריזירט אזוי:

„...די פראָדוציר־פראָגראמ פונעמ טונגוסקער זאוואָד אפנ 1934 יאָר בא דער אָנוועזנהייַט פונ צוויי זעג־ראמענ דריקט זיכ אויס אינ 18.000 קובאָמעטער זעג־מאטעריאלנ.

...אינ 1933 יאָר האָבנ אפנ זאוואָד געארבעט העכער 300 ארבעטער. דער זאוואָד שפילט א באדייַטנדיקע ראָל אינעמ אויספארטיקנ זעג־מאטעריאלנ אפ עקספאָרט אונ פאר דער בויונג אינעמ אייַזנבאנ־פאס...”

ביז ניט צו דערקענענ האָט זיכ פאר די לעצטע יאָרנ געענדערט אויכ דער דאָזיקער זאוואָד. ער איז אצינד איינע פונ די גרעסטע אונטערנעמונגענ פונ דער געהילצ־אינדוסטריע אפנ ווייַטנ מיזרעכ. אָנ אנערעכ אויסגעוואקסנ אונ ווי ייִנגער געוואָרנ איז אויכ דער ייִשעוו ניקאָלייַעווקע. הונדערטער טויזנטער קובאָמעטער הויכקוואליטאטיווע זעג־מאטעריאלנ ווערנ אָפגעשיקט פונדאנענ אינ אדרעס פונ די וואגאָנ־אונ שיפבוי־זאוואָדנ, פונעמ אייַזנבאנ־טראנספאָרט אונ אפ עקספאָרט. כוצ דעמ ווערט דאָ אצינד יערלעכ אויסגעארבעט קימאט אפ 2 מיליאָנ רובל פארשיידנארטיקע מאָדערנע מעבל פונ די נייַסטע מוסטערנ. אפנ מעבל פונ דער טונגוסקער פארייניקונג איז א גרויסער נאָכפרעג.



האיאָר וועט געלאָזט ווערנ אינ גאנג נאָכ איינ גרויסער צעכ פונ קינדער־מעבל. עס בויט זיכ אויכ א צעכ אפ אויסצוארבעטנ פונ געהילצ־אָפפאל ספעציעלע פלאטנ. די כימיש־מעכאנישע איבערארבעטונג פונ די אָפפאלנ וועט פארהיטנ יערלעכ 132 טויזנט קובאָמעטער געהילצ אונ וועט געבנ 2,5 מיליאָנ רובל עקאָנאָמיע.

באזונדערס גרויסע ענדערונגענ—צאָליקע אונ קוואליטאטיווע—זייַנענ פאָרגעקומענ אונ קומענ פאָר אינ דער אינדוסטריע פונעמ געגנטלעכנ צענטער. פונ וואָס די דאָזיקע אינדוסטריע האָט זיכ אָנגעהויבנ, קאָנ מענ אורטיילנ לויט דער כאראקטעריסטיק פונ איינער אנ אונטערנעמונג אינ דער דערמאָנטער בראָשור:

„דער ארטעל „ראָד פונ דער רעוואָליוציע” פארנעמט זיכ מיט אויסארבעטנ וועגענער אונ שליטנס. אינ דער איצטיקער צייַט ארבעטנ אינעמ ארטעל העכער 50 מענטשנ, הויפטזאכלעכ שמידנ. די פראָדוקציע פונעמ ארטעל, וואָס פארגרעסערט זיכ פונ יאָר צו יאָר, צעגייט זיכ איבער פיל ראיאָנענ פונעמ ווייַטנ מיזרעכ”.

אינ יענע יאָרנ איז אנ אווטאָמאָביל געווענ א זעלטענער גאסט אפ די דאָרפישע וועגנ, דאָס ווייַטמיזרעכדיקע קאָלווירטישע דאָרפ, די סאָווירטנ, די געהילצפארגרייטער האָבנ געפאָדערט מערער וועגענער. דער ארטעל „די ראָד פונ דער רעוואָליוציע”, כאָטש ער האָט פארגרעסערט דעמ פראָדוקציע־ארויסלאָז, איז ניט בעקויעכ געווענ צו באפרידיקנ דעמ וואקסנדיקנ נאָכפרעג. האָט מענ אינ די אומגעגנטנ פונ בירָאבידזשאנ אויסגעבויט א ספעציעלנ וועגענער־זאוואָד. ער האָט זיכ גוט ספראוועט מיט זייַנ אופגאבע אונ די פראָדוקציע זייַנע איז אפילע געווענ אָפגעמערקט מיט א מעדאל אונ א לויב־גראמאָטע פונ דער אלפארבאנדישער לאנדווירטשאפטלעכער אויסשטעלונג. די געשיכטע פונ דעמ דאָזיקנ זאוואָד, וועלכער האָט זיכ אצינד פארוואנדלט אינ א גרויסער אונטערנעמונג פונ לאנדווירטשאפטלעכער מאשינבויונג, איז כאראקטעריסטיש פאר דער אינדוסטריע פונ דער געגנט אינגאנצנ גענומענ.

פונ די טויערנ פונעמ געוועזענעמ וועגענער־זאוואָד, אצינד „דאלסעלכאָזמאש”, גייענ ארויס אווטאָקאָמבייַנענ אפ מעכטיקע רויפנ. דאָס זייַנענ אויסגעצייכנטע מאשינעס, וועלכע דערלויבנ אראָפנעמענ די גערעטעניש פונ טווע, רייַז, גרינע סילאָס־מאסע אפ סאמע שווערע, פייַכטע באָדנס. א גוטנ שעמ האָבנ זיי פארדינט בא די ערדארבעטער פונ ווייַטנ מיזרעכ, מיטלאזיע, קאזאכסטאנ, פונ די באלטישע רעפובליקנ. פונ 1965 יאָר גייענ די קאָמבייַנענ מיט דער זאוואָדישער מארקע „ДСХМ“ אויכ אפ עקספאָרט.

אפ דער טעריטאָריע פונעמ זאוואָד זייַנענ אויסגעוואקסנ נייַע ראכוועסדיקע קאָרפוסנ. די אונטערנעמונג איז אויסגעשטאט מיט ערשטקלאסיקער טעכניק פונ גרויסער פינקטלעכקייַט, מיט אווטאָמאטישע ווערקשטעלנ אונ ליניעס. א ספעציעלע קאָנסטרוקטאָרנ־אָרגאניזאציע פראָיעקטירט נייַע מינימ לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס אונ פארבעסערט די קאָנסטרוקציע פונ די, וועלכע געפינענ זיכ אינ דער פראָדוקציע. עס האָט אויסגעהאלטנ מיט דערפאָלג די אויספרווונ אונ איז אי־

בערגעגעבן געוואָרן אפּ א סעריע־ארויסלאָז א נײַע מאשין—א סילאָס־
קאָמבײַן מיט א בונקער. דער קאָלעקטיוו פונעם זאוואָד האָט פאר זיך
געשטעלט א ציל: אין משך פון 2—3 יאָר זיך דערשלאָגן, אז זײַנע
קאָמבײַנען זאָלן לויט דער קוואליטעט ניט אָפּטרעטן די בעסטע וועלט־
מוסטערן. עס ווערט באהערשט א מער פולקומע מארקע פון א קאָמ־
בײַן אפּ אראָפּגעמענע רײַז און טוויע—„סקג־4".

צוליב אזא שפּרונג—פון א וואָגן ביז א קאָמפּליצירטער אראָפּנעם־
מאשין—האָט זיך געפאָדערט ניט בלויז א גרינטלעכע טעכנישע רעקאָנ־
סטרוקציע,—עס זײַנען נייטיק געווען קאדרען פון א הויכער קוואליפי־
קאציע. און פיל געוועזענע וועגענער־בויער האָבן זיך גענומען צו דער
לער. פאַרענדיקט אָן אָפּרײַס פון דער פּראָדוקציע דעם מעכאנישן
טעכניקום באַם זאוואָד, ארבעטן זיי אצינד אלס מײַסטערס, טעכנאָלאָגן,
פירן אָן מיט קאָמפּליצירטע ווערקשטעלן, מעכאניזמען. 200 מענטשן
לערנען זיך אויגיק און הינטערויגיק אין אינסטיטוטן, אין ספּעציעלע
מיטעלע לערן־אנשטאלטן.

אפן זאוואָד געדענקט מען אזא פאל. ווען מע האָט באהערשט דעם
ארויסלאָז פון א קאָמבײַן, האָבן זיך געפאָדערט שלאָסערס־לעקאלשטשי־
קעס—ספּעציאליסטן פון א באזונדערס קאָמפּליצירטער פּראָפעסיע. אין
דער גאנצער שטאָט איז קיין איינעם אזא ספּעציאליסט ניט געווען צו
געפינען. ניטאָ, דארף מען אליין גרייטן!—האָבן באשטימט די אָנפירער
פונעם זאוואָד. דער הויפּט־אינזשענער עדוארד גריגאָריעוויטש ליפּאָ־
וועצקי און דער שעף פונעם אינסטרומענטאל־צעך פיליפּ מארקאָוויטש
גענקין האָבן אָנגעהויבן אונטערקלײַבן ארבעטער, וואָס זאָלן זײַן פייִק
צו באהערשן די ספּעציאליטעט פון א לעקאלשטשיק פאר 6—8 כאדאָ־
שים, בײַס אין געוויינלעכע באדינגונגען פאָדערט זיך אפּ דעם 2 און
אפילע 3 יאָר. אזעלכע מענטשן האָבן זיך געפונען. אשטייגער, דער
שלאָסער גריגאָרי שולמאן האָט זיך שוין אין 4 כאדאָשים ארום אומ־
געקערט צו זיך אפּ דער אונטערנעמונג אלס לעקאלשטשיק און גלײַך פון
די ערשטע טעג באוויזן: גיט אים די סאמע פאראנטוואָרטלעכע פאר־
געבונגען,—ער וועט זיך מיט זיי ספּראווען. איצט איז גריגאָרי איסא־
קאָוויטש שולמאן א דעפּוטאט פונעם קאנטישן סאָוועט, איינער פון די
סאמע כאָשעווע מענטשן אפן זאוואָד. אזעלכע בײַשפּילן זײַנען דאָ ניט
ווייניק. צווישן די, וואָס פירן אָן מיט קאָמפּליצירטע ווערקשטעלן, איז
שוין ניט קיין זעלטנהײַט אן ארבעטער מיט א דיפּלאָם פון א טעכני־
קער, און די אינזשענערן שטורמעווען העכערע פעסטונגען — גרייטן
זיך האלטן עקזאמען אפן טיטל קאנדידאט פון טעכנישע וויסנשאפטן.

די רעגירונג פון דער רוסלענדישער פעדעראציע האָט באשטעטיקט
דעם פּראָיעקט פון רעקאָנסטרוירן דעם זאוואָד „דאלסעלכאָזמאש". אין
רעזולטאט פון דער רעקאָנסטרוקציע וועט ער פארגרעסערן דעם ארויס־
לאָז פון רויפּן־קאָמבײַנען ביז 5 טויזנט שטיק א יאָר. כוץ דעם וועט
דער זאוואָד ארויסלאָזן יערלעך 11 טויזנט טראקטאָר־פּריצעפּן
אפּ רעדער און רויפּן־גאנג, ווי אויך א גרויסע צאָל רעזערוו־
טיילן צו קאָמבײַנען. דער פּראָדוציר־שעטעך וועט זיך פאר־



גרעסערן אין 3 מאָל, די ענערגאָ־באוואָפענונג — אין 9 מאָל.

אפּ פארשיידענע בויונגען און אונטערנעמונגען פונעם לאנד קאָן
מען זען קראפט־טראנספאָרמאטאָרס מיט דער מארקע פונעם ביראָביד־
זשאנער טראנספאָרמאטאָר־זאוואָד. אויסגעוואקסן איז דער דאָזיקער
זאוואָד אפּ דער באזע פון א ניטגרויסער אונטערנעמונג, וועלכע האָט
אויסגעארבעט געצינקעוועטע געפעס און טשוועקעס. דאָס ערשטלינג
פון דער עלעקטראָטעכנישער מאשינבויונג אין קאנט וואקסט און פעס־
טיקט זיך. אין 1965 יאָר איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין עקספּלואטאציע א
נײַער פּראָדוציר־קאָרפּוס מיט א שעטעך 22 טויזנט קוואדראטע מעטער.
אין די צעכן זײַנען געשאפן געוואָרן ספּעציאליזירטע קאָנווייער־בא־
צירקן אפּ אויספּארטיקן פארשיידענע טיילן פון טראנספאָרמאטאָרס,
טעלעוויזאָר־סטאביליזאטאָרס, עס זײַנען באהערשט געוואָרן פּאָרגע־
שריטענע מעטאָדן פון מעטאל־שמעלצונג, מעכאניזירט געוואָרן פיל
שווערע ארבעטס־פּראָצעסן. דער וווּקס פון די מעכטיקײַטן, דאָס אײַנ־
גלידערן די פּראָגרעסיווע טעכנאָלאָגיע דערלויבט דעם זאוואָד־קאָלעק־
טיוו צו באהערשן דעם ארויסלאָז פון אלץ מער פולקומע און זיכערע
אפּאראטן. א גרויסן צושטײַער אין דער פארפולקומונג פון די טעכנאָ־
לאָגישע פּראָצעסן טראָגן ארײַן די נאָוואטאָרס פון דער פּראָדוקציע,
מענטשן פון שעפערישן געדאנק — די כאוויירים בארקין, ליכאצקי,
בולגאקאָוו, וואָראָביאָוו, טקאטשענקאָ און אנדערע.

מיט שנעלע טעמפּן אנטוויקלט זיך אין ביראָבידזשאן די לײַכטע
אינדוסטריע. העכער 2.000 מענטשן ארבעטן אפּ דער טעקסטיל־און
ניי־פאבריק. אין דער ניי־פּראָדוקציע זײַנען פיל אָפּעראציעס פולשטענ־
דיק מעכאניזירט. דאָ ווערן אָנגעווענדעט ספּעציעלע מאשינעס פון פאר־
שיידענע קלאסן, עלעקטראָ־פּרעסן, סינטעטישער קליי. דאָ ניטלאנג
איז אפּ דער פאבריק אָפּגעגעבן געוואָרן אין עקספּלואטאציע א נײַער
גרוימער צעך, א גרויסע גאָרקיכ. עס בויט זיך נאָך איין פּראָדוציר־
קאָרפּוס. די אונטערנעמונג לאָזט ארויס מאנטלען פון העכסטן סאָרט,
בוימוואָל־געוועבן, שפּינערײַ.

די ניטגרויסע קוסטאר־ארטעל „ארבעטערן" איז פארוואנדלט גע־
וואָרן אין א טריקאָטאזש־פאבריק. דער ערשטער אין געגנט איז איר
צוגעייגנט געוואָרן דער נאָמען אונטערנעמונג פון קאָמוניסטישער מי.
אין משך פונעם זיבניאָר האָט די פאבריק אין 2,9 מאָל פארגרעסערט
דעם פּראָדוקציע־ארויסלאָז און גיט אצינד 3,7 מיליאָן שטיק טריקאָ־
טאזש א יאָר. אָבער אויך אזעלכע טעמפּן קאָנען שוין ניט באפרי־
דיקן דעם וואקסנדיקן נאָכפרעג פון דער באפעלקערונג. אין ביראָביד־
זשאן בויט זיך א זאָקן ־און טריקאָטאזש־פאבריק, איר ערשטע ריי
דארף אָפּגעגעבן ווערן אין עקספּלואטאציע שוין אין 1966 יאָר. אָט
די נײַע אונטערנעמונג וועט ארויסלאָזן פאר א יאָר 30 מיליאָן פּאָר
זאָקן און שקארפּעטקעס און 9 מיליאָן שטיק טריקאָטאזש־וועש. עס
וועט אויסגעבויט ווערן א גרויסע פאבריק פון אייבערשטן טריקאָטאזש.

אין דער שטאָט ארבעט א שוך־פאבריק, וועלכע לאָזט ארויס פאר
א יאָר 106 טויזנט פּאָר פּרויען־טופליעס. אין משך פון די נאָענטס־

טע יאָרן וועט אויסגעבויט ווערן נאָך איין שוך־פאבריק מיט א פראָ־דוציר־מעכטיקײַט 4 מיליאָן פאָר שוכווארג א יאָר.

ביראָבידזשאַנ ווערט א וויכטיקסטער צענטער פון דער לײַכטער אינדוסטריע פון קאנט.

**ד. שאווער.**

## עס צעבליט זיך די בײַאמורער ערד

אפ א שמאָלן קוים מערקבארן וועג, וואָס שלענגלט זיך צווישן קליינוווקסיקע דעמבן און שטאלטנע בערעזעס, באוועגט זיך לאנגזאמ א ניט גרויסע גרופע מענטשן. אפ די וועגענער, אין וועלכע עס זײַנען אײַנגעשפאנט צעפּאטלטע סיבירער פערדלעך,—זעק מיט פּראָדוקטן, נײַע ברעזענטן, זעגן, העק און אנדערע טעסלער־אינסטרומענטן. צווייען, וואָס שפּאנען נאָך איינ וואָגן, פירן צווישן זיך א געשפּרעך.

—דער איקער, קיריל, איז אויסקלײַבן פארן דאָרף א גוט אָרט. ס'איז דאָך ניט נאָר פאר אונדז, נאָר פאר קינדער און קינדסקינדער,— אזוי זאָגט מיכל געפען.

—ביסט גערעכט,—איז מאסקימ קיריל מאסלעניקאָוו.—פאר א שלעכט אָרט וועט מען אונדז קיין דאנק ניט זאָגן.

סאָף טאָג האָבן זיי זיך דערקליבן צו אן אָרט, וואָס איז זיי געפעלן געוואָרן. אוועקגעשטעלט פאלאטקעס, צעצונדן שײַטערס, קעדייכאָטש אביסל אָפּטרײַבן די כוצפּעדיקע קאָמארן, איבערגעביסן און זיך געלייגט אָפּרוען. אינדערפרי, קוימ נאָר די זון האָט זיך באַוויזן, האָט מען זיך גענומען צו דער ארבעט. געוואלגערטביימער, געגראָבן גריבער פאר פונדאמענטן, געשטעלט הויכע קאָזלעס, ארופגעקײַקלט אפ זיי גראָבע בערווענעס און גענומען צעזעגן זיי אפ ברעטער.

אינ אָנגעשטרענגטער מי זײַנען געלאָפן טעג און וואָכן. צו הארבסט איז אינ וואלד אויסגעבויט געוואָרן דאָס ערשטע הויז. קליין איז עס געווען, נידעריק, אָבער היימיש און ווארעמ. פון אימ, פון אָט דעמ הויז, ציט טאקע זײַן ייִכעס דאָס גרויסע קאָלווירטישע דאָרף וואלדהיימ. אזא נאָמען האָבן די איבערוואנדערער, מערסטנטייל ייִדן, באלמעלאָכעס פון אוקראַיִנישע און ווײַסרוסישע שטעטלעך, געגעבן אויך דעמ קאָלווירט, וואָס איז שפּעטער אין דעמ דאָזיקן דאָרף געשאפן געוואָרן.

דאָס איז א קליינינקע, אָבער כאראקטעריסטישע דעטאל צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, פון איר לאנדווירטשאפט.

איז קומט, לאָמיר זיך באקענען מיטן הײַנטיקן וואלדהיימ. אצינד געפינט זיך דאָ איינע פון די פיר קאָמפּלעקס־בריגאדעס און דער צענטראלער ייִשעוו פונעמ קאָלווירט „איליטשס געבאָטן”. דאָס דאָרף ציילט



1500157
Хабаровская краевая
БИБЛИОТЕКА

באַ 200 ווינהײַזער, עטלעכע פילשטאָקיקע ציגלנע געבײַדעס: פונ דער שול־אינטערנאט, פונ דער מיטלשול, פונעמ שפּיטאָל. פאראנ אינ דאָרפ וואלדהיימ א קולטור־הויז, מאגאזינענ. די צענטראלע גאס ציט זיכ מער ווי אפ א קילאָמעטער.

די אנדערע דרײַ קאָמפּלעקס־בריגאדעס פונעמ קאָלווירט געפינענ זיכ אינ די דערפער זשאָלטי יאר, פראָנקינאָ אונ פטיטשניק. דער קאָלווירט פארמאָגט 2.500 העקטאר אקער־ערד, וועלכע ער באארבעט מיט דער הילפ פונ 49 טראקטאָרס, באַ צוויי צענדליק קאָמבײַנענ אפ אראָפּצונעמענ טווּע, סילאָס, קארטאָפל, 30 לאסט־אווטאָמאָבילנ, הונדערטער פארשיידענע לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס. אפ די קאָלווירטישע פערמעס ווערט אָנגעציילט 1.464 שטיק גרויס האָרנפי, דערונטער העכער 700 קי. דער קאָלווירט באקומט פאר א יאָר ביז 2.000 צענטנער פלייש אונ 14 טויזנט צענטנער מילכ, אסאכ ברויט, סאָיע, גרינס.

די ערשטע איבערוואנדערער—מיכאיל גערשאָוויטש געפענ, קיריל וואסיליעוויטש מאסלעניקאָוו, לעוו מאָיסייעוויטש באלקאָווסקי, לייב עליעוויטש רעזניק, יאקאָוו מאָיסייעוויטש נאכטיגאל אונ אנדערע—זייענ שוינ לאנג אפ פענסיע. אפ זייער אָרט זײַנענ געקומענ יונגע באלעבאטימ פונ דער ערד, טעכניש אונ אגראָנאָמיש געבילדעטע, קולטורעלע. אינ קאָלווירט ארבעטנ אגראָנאָמענ, זאָאָטעכניקער, וועטערינארנ, עקאָנאָמיסטנ אונ אנדערע ספעציאליסטנ, וועלכע העלפנ די קאָלווירטניקעס צו פירנ די ווירטשאפט אפ וויסנשאפטלעכע יעסוידעס. פאר די דערגרייכונגענ אינ דער גרינסצוכט איז דעמ קאָלווירטישנ אגראָנאָמ ראכיל גריגאָריעווונא פריידקינא צוגעטיילט געוואָרנ דער טיטל „פארדינסטפולער אגראָנאָמ פונ רספסר". פאָרזיצער פונעמ קאָלווירט איז דער געניטער אָרגאניזאטאָר, א געוועזענער פּאָשעטער קאָלווירטניק, וולאדימיר איזראילעוויטש פעלער—א קאָמוניסט, אנ אָנטיילנעמער פונ דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, א קאוואלער פונעמ אָרדענ „רומ" פונ אלע דרײַ מאדרייגעס. דאָ ניטלאנג איז אימ צוגעטיילט געוואָרנ דער הויכער טיטל העלד פונ סאָציאליסטישער מי מיטנ איבערגעבנ א לענינ־אָרדענ אונ א גאָלדענע מעדאל „סערפ אונ האמער". אזעלכע דערפער, ווי וואלדהיימ, אזעלכע ווירטשאפטנ, ווי דער קאָלווירט „איליטשס געבאָטנ", זײַנענ אינ דער געגנט פאראנ ניט ווייניק.

זינט דעמ 1928 יאָר, ווענ עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א מאסנ־איבערוואנדערונג אינ דער געגנט, האָבנ די פארזיי־שטאָכימ זיכ פארגרעסערט מער ווי אינ 7 מאָל. אָנשטאָט פילצאָליקע קליינע אונ עקאָנאָמיש שוואכע קאָלווירטנ זײַנענ געשאפנ געוואָרנ 20 סאָווירטנ אונ 5 גרויסע קאָלווירטנ, וווּ עס ווערט אלץ פעסטער גענומענ א קורס אפ ספעציאליזאציע, דערונטער אויכ אפ אינערלעכ־ווירטשאפטלעכער. דורכשניטלעכ אפ יעדערער פונ אָט די ווירטשאפטנ פאלט אויס צו 4.000 העקטאר אקער־ערד אונ עטלעכע טויזנט העקטאר לאָנקעס אונ פאשעס. פאראנ אינ דער געגנט דרײַ בינענציכטלערישע סאָווירטנ: דער בירער אונ די דאָ ניטלאנג געשאפענע—ווײַטמיזרעכדיקער אינעמ ביראָבידזשאנער אונ פערוואָמײַסקער אינ אָקטיאבערישנ ראיאָנענ. פאראנ זײַנענ צוויי



פישפאנגערישע קאָלווירטנ — איינער אינ ביראָבידזשאנער אונ דער צווייטער אינ סמידאָוויטשער ראיאָנ.

די זאָרג פונ דער פארטיי אונ רעגירונג וועגנ דער צעבליִונג פונ דער ווײַטמיזרעכדיקער ערד איז צו זענ שוינ פונ דעמ, ווי אָנגעזועטיקט עס איז אונדזער לאנדווירטשאפט מיט מאָדערנער טעכניק. אפ די פעלדער פונ דער געגנט ארבעטנ באַ 1.600 טראקטאָרס פונ פארשיידענע מארקעס, מער פונ 500 קאָמבײַנענ, טויזנטער פארשיידענע אנדערע מעכאניזמענ. דאָס פּראָדוצירנ טווּע, קוקורוזע אונ סאָיע איז מעכאניזירט קימאט פולשטענדיק. מיטנ באקומענ קאָמבײַנענ פונ דער נײַסטער מארקע אונ הויכפּראָדוקטיווע סאָרטירונג־מאשינעס פארבלײַבט ווייניק האנט־ארבעט אויכ אינ דער קארטאָפלצוכט. אלץ מער מעכאניזמענ ווערנ באנוצט אינ דער גרינסצוכט. אזוי, אשטייגער, איז אינ 1964 יאָר דערפאָלגרײַכ דורכגעגאנגענ די אויספּרווּונ אונ ווערט שוינ ברייט אָנגעווענדעט א נײַע מאשינ אפ אויסזעצנ ראסאדע. געשאפנ די דאָזיקע מאשינ האָט דער קאָלעקטיוו פונ דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָרנ־אָרגאניזאציע באמ ביראָבידזשאנער זאוואָד „דאלסעלכאָזמאש". די טעכנישע באוואָפנטקײַט פונ דער פעלדצוכט שטײַגט פונ יאָר צו יאָר. בלויז אינ מעשעכ פונעמ זיבניאָר האָט זיכ דער טראקטאָר־פּארק פונ די סאָווירטנ אונ קאָלווירטנ פונ דער געגנט פארגרעסערט מער ווי אפ 600 מאשינעס.

אצינד ווערט פארענדיקט די בויונג פונ אנ עלעקטראָליניע כאבאראָווסק—ביראָבידזשאנ אונ ווײַטער צו די דערפער אונ ארבעטער־יישווימ פונ דער געגנט. דאָס עפנט פאר אונדזער לאנדווירטשאפט נײַע גרויסע פערספעקטיוונ. מער ווי ביז איצט וועט מענ קאָנענ מעכאניזירנ אזעלכע ארבעטנ, ווי מעלקנ די קי, צופירנ אונ צוגרייטנ פיטער, דערלאנגענ וואסער, אונטערהאלטנ ריינקײַט אינ די פיצוכט־געבײַען. די עלעקטראָליניע האָט שוינ איבערגעשניטנ די טעריטאָריע פונ סמידאָוויטשער, ביראָבידזשאנער אונ לענינסקער ראיאָנענ, א שפאנ געטאָנ אינ די דערפער פונעמ אָקטיאבערישנ ראיאָנ.

די שטאָלצ פונ דער געגנט זײַנענ די דאָרפישע מעכאניזאטאָרישע קאדרענ. זיי אינ דער ערשטער ריי לייזנ דאָכ דעמ גורל פונ דער גערעטעניש אונ דערמיט גופע דעמ דערפאָלג אויכ אפ די אנדערע באצירקנ פונ דער לאנדווירטשאפטלעכער פּראָדוקציע. אָט זײַנענ אייניקע פונ אָט די אומדערמידלעכע רומפולע האָרעפאשניקעס.

...אינעמ דאָרפ אמורזעט לעבט שוינ אסאכ יאָרנ ניקאָלײַ גריגאָריעוויטש יורטשענקאָ. ער איז סײַ א טראקטאָריסט, סײַ א שאָפער, סײַ א קאָמבײַנער, איז באהאוונט אינ שלאָסערײַ, אונ טאָמער דארפ מענ, שטעלט ער זיכ אויכ צומ טאָקער־ווערקשטעל. א מענטש מיט א לעבעדיקנ פאָרשערישנ געדאנק, האָט ער צוזאמענ מיט זײַנ ארבעטס־פרײַנט אלעקסאנדער מאלישענקאָ געלייזט א פּראָבלעמ, איבער וועלכער עס האָבנ לאנג געטראכט פיל מעכאניזאטאָרס: ווי דערשלאָגט מענ זיכ, אז באמ אראָפּנעמ פונ סאָיע זאָלנ אפנ פעלד ניט פארבלײַבנ די סאמע אונטערשטע, סאמע גרעסטע שויטנ? ווי אזוי רעקאָנסטרויִרנ דעמ קאָמבײַנ, אז דער שנײַד־מעסער זאָל גײנ נידעריק

בא דער ערד? ארײַנטראָגנדיק אייניקע ענדערונגענ אינ דער לאגע פר־
נעם שנײַד־אפּאראט, האָבנ יורטשענקאָ אונ מאלישענקאָ געגומענ אָנ־
דרעשנ פונ א העקטאר אפ אָנדערהאלבנ צענטנער סאָיע מער, איידער
פריער. די דאָזיקע דערפארונג האָבנ איבערגענומענ אלע קאָמבײַנערס
פונ דער געגנט. אונ יורטשענקאָ האָט פאָרגעזעצט צו פארפולקומענ זײַנ
דערפינדונג. ער האָט זיכ דערשלאָגנ, אז די מאשינ זאָל אראָפּשנײַדנ
די סאָיע־שטענגלעכ קימאט בא דער סאמע ערד.

אינ יעדנ דאָרפ זײַנענ פאראנ אזעלכע מײַסטערס פונ זייער זאכ.
אזוי, האָט דער שלאָסער פונ אָקטיאבערישנ סאָווירט פּאוועל קוסטאָוו
קאָנסטרוירט אנ אויסגעצייכנטנ סטויגנ־צונויפלייגער. אינ דעזשניאָווער
סאָווירט זײַנענ באוווסט מיט זייערע נאָוואטאָרישע אופטוענ די טראק־
טאָריסטנ־קוקורוזעציכטלער יורי פּאָלאָראָטאָוו אונ ניקאָלײַ ליובינ, אינעמ
לענינסקער סאָווירט—די קאָמבײַנערס איוואנ טשערקאשינ אונ סעמיאָנ
צירולניקאָוו. אלעמענ איז ניט איבערצורעכענענ. די דאָזיקע מענטשנ
גייענ בעראָש פונעמ טעכנישנ פּראָגרעס אינ דאָרפ, העלפנ צו פארפול־
קומענ די סאָווירטישע אונ קאָלווירטישע פּראָדוקציע.

אנ ערשטראנגיקע אופגאבע, וואָס שטייט פאר די האָרעפּאשניקעס
פונ דער לאנדווירטשאפט פונ דער געגנט, איז העכערנ די פרוכטבאר־
קײַט פונ די פעלדער. די דערפארונג פונ די אוואנגארדיסטנ איז דער
בעסטער באווײַז, ווי גרויס עס זײַנענ אינ דעמ געביט אונדזערע מעג־
לעכקײַטנ. אינ 1965 יאָר האָט דער פּעטראָווקער סאָווירט פונ ביראָ־
בידזשאנער ראיאָנ באקומענ דורכשניטלעכ פונ א העקטאר צו 14 צענט־
נער ווייץ. אזא איז אויכ געווענ די גערעטעניש פונ גערשטנ. אלעקסיי
קאליאנאָווס מעכאניזירטער אָטריאד פונ דעזשניאָווער סאָווירט האָט
באקומענ דורכשניטלעכ צו 15 — 17 צענטנער טוויע, אונ אפ איינעמ
פונ די מאסיווונ האָט מענ דאָ אָנגעדראָשנ צו 30 צענטנער ווייץ פונ א
העקטאר. די בעסטע קוקורוזעציכטלער פונ דער געגנט האָבנ ניט איינ־
מאָל באקומענ צו 400—500 צענטנער גרינע מאסע פונ א העקטאר, אונ
אינ וואלדהיימ האָט מענ פונ א העקטאר גענומענ צו 60 צענטנער טרוי־
קענע קוקורוזע־קערנער. וולאדימיר פיליפּאָווס מעכאניזירטער אָטריאד
פונ אָקטיאבערישנ סאָווירט האָט אינ 1965 יאָר באקומענ קימאט צו 11
צענטנער סאָיע פונ א העקטאר. צו 200 צענטנער גרינס פונ א העקטאר
זאמלענ צונויפ די גרינסציכטלער פונעמ קאָלווירט „איליטשס געבאָטנ"
אונ פונ דער צווייטער אָפּטיילונג פונעמ סמידאָוויטשער סאָווירט.

אינגאנצנ גענומענ לויט דער געגנט האָט די גערעטעניש פונ קער־
נער־קולטורנ דערגרייכט אינ 1965 יאָר קימאט 10 צענטנער פונ א העק־
טאר. דאָס איז אפ 2,5 צענטנער מער פונ דער דורכשניטלעכער גראָטנ־
קײַט פאר די לעצטע 7 יאָר. א הויכע גערעטעניש איז דערגרייכט גע־
וואָרנ הויפּטזאכלעכ אדאנק דער גוטער באארבעטונג פונעמ באָדנ ביזנ
פארזיי, אדאנק דעמ, וואָס עס זײַנענ אָפּגעהיט געוואָרנ די אויסזיי־
נאָרמעס פונ זריע אונ, וואָס עס איז באזונדערס וויכטיק, אדאנק דעמ
אגראָנאָמיש ריכטיקנ אָפּקלײַב פונ בעסטע פאָרגייער פאר יעדער קולטור.
די געגנט האָט דערפאָלגרײַכ אויסגעפילט דעמ פלאנ פונ די ברויט־פאר־



גרייטונגענ אינ 1965 יאָר, פארקויפט דער מעלוכע בא 500 טויזנט
פוד ברויט, הויפּטזאכלעכ אָפּגעקליבענע ווייץ.

נאָכנ מארט־פּלענומ פונ צק קפּסס איז איבערגעקוקט געוואָרנ די
סטרוקטור פונ די פארזיי־שטאָכימ. עס זײַנענ עטוואָס פארקירצט גע־
וואָרנ די פארזייונגענ פונ גערשטנ, קוקורוזע, קארטאָפל אונ אפ דעמ
דאָזיקנ כעזשבנ איז פארברייטערט געוואָרנ דער שעטעכ אונטער האָבער
אונ אייניאָריקע גראָזנ. די פּראקטיק האָט באוויזנ, אז דאָס, וואָס מע
האָט קימאט פולשטענדיק פארטריבנ פונעמ זיי־פארקער אזא קולטור,
ווי האָבער, איז אבסאָליוט ניט בארעכטיקט. אפ די שטארק פײַכטע
ערדנ פונ דער געגנט גיט די דאָזיקע קולטור אויסגעצייכנטע גערעטע־
נישנ. אינ 1965 יאָר האָט די דורכשניטלעכע גערעטעניש פונ האָבער
באטראָפנ 10,5 צענטנער; דערבײַ האָט מענ אינ אמורער סאָווירט בא־
קומענ צו 19, אינ דאָברינסקער—צו 17, אינ נאדעזשדינסקער—צו 16
צענטנער האָבער פונ א העקטאר, דאָס הייסט, מער איידער אוועלכע־
ניט־איז אנדערע קערנער־קולטור.

אפנ 1966 יאָר איז פארויסגעזענ א ווײַטערדיקער וווקס פונ דער גע־
ראָטנקײַט אונ פונ דער ברוטאָ־פּראָדוקציע. טוויע דארפ מענ באקומענ
37.520 טאָנ אונ פארקויפנ דער מעלוכע בא 7,5 טויזנט טאָנ. דאָס וועט
דערלויבנ ניט בלויז שאפנ זריע־פאָנדנ אפנ 1967 יאָר, נאָר אויכ אויס־
טיילנ פוראזש־פאָנדנ פאר דער פיצוכט, זיכערנ א הויכנ נאטור־אָפּצאָל
פאר די קאָלווירטניקעס אונ סאָווירטישע מעכאניזאטאָרס.

קארטאָפל וועט אינ 1966 יאָר באקומענ ווערנ 31.000 טאָנ אונ פאר־
קויפט ווערנ דער מעלוכע 15.730 טאָנ. גרינס איז אָנגעמערקט צונויפ־
זאמלענ מער פונ 20 טויזנט טאָנ אונ פארקויפנ מער פונ 18 טויזנט טאָנ.

די האָרעפּאשניקעס פונ די פעלדער ווענדנ אָנ אלע באמיונגענ, קעדיי
דערגרייכנ דעמ אָנגעמערקטנ ציל. דער פארזיי איז דורכגעפירט געוואָרנ
רעכטצײַטיק אונ אפ א העכערנ, איידער אינ די פאָריקע יאָרנ, אגראָ־
טעכנישנ ניוואָ. אינ דער מערהײַט ווירטשאפטנ איז די גערעטעניש א
גוטע.

א וויכטיק אָרט אינ דער עקאָנאָמיק פונ די סאָווירטנ אונ קאָלווירטנ
פונ דער געגנט, באזונדערס אינ דער בײַאמורער זאָנע, פארנעמט
סאָיע—„דאָס גאָלד פונ אונדזערע סטעפּנ", ווי עס רופנ זי מיט רעכט
די ווײַטמיזרעכניקעס. דאָס 1965 יאָר איז פאר דער דאָזיקער קולטור
געווענ אויסערסט ניט גינסטיק. די גערעטעניש האָט זיכ באקומענ אסאכ
א קלענערע איידער מע האָט פלאנירט. פונדעסטוועגנ האָט סאָיע גע־
געבנ די ווירטשאפטנ פונ דער געגנט מער פונ 1,5 מיליאָנ רובל ריינעמ
רעווועכ. בלויז דער דעזשניאָווער סאָווירט האָט פאר די לעצטע דרײַ
יאָר אויסגעלייזט פאר סאָיע בא 2 מיליאָנ רובל. אינ 1965 יאָר האָבנ
די קאָלווירטנ אונ סאָווירטנ געליפערט דער מעלוכע 172.171 צענטנער
סאָיע— אינ צוויי מאָל מער ווי אינ 1964 יאָר.

אינ סאָיע־בעבלעכ אנטהאלט זיכ פונ 18 ביז 24 פּראָצענט בויכל.
אזויארומ איז ניט שווער צו מאכנ א כעזשבנ: פארקויפנדיק דער מע־
לוכע פאר די לעצטע דרײַ יאָר העכער 40.000 טאָנ סאָיע־בעבלעכ, האָט

די געגנט געגעבנ דעם לאנד 8 — 8,5 טויזנט טאָנ בוימל.

א פעסט אָרט אינעם זיי־פארקער האָט פארנומענ קוקורוזע. ביזנ 1955 יאָר האָט זיכ קיינער אינ דער געגנט מיט דער דאָזיקער קולטור ווי עס באדארפ צו זײַנ ניט פארנומענ. שיר ניט די איינציקע אָנהענגערנ פונ קוקורוזע איז דעמאָלט געווענ מאריא יאָסיפאָוונא קוזינא, דער בריגאדיר פונ די גרינסציכטלער פונ איינעם א ניטגרויסנ קאָלווירט, וואָס אפ זײַנ באזע איז שפעטער געשאפנ געוואָרנ די צווייטע אָפטיילונג פונעם סמידאָוויטשער סאָווירט. די בריגאדע פונ מ. י. קוזינא האָט זיכ פארנומענ מיט כאָוענ קוקורוזע אפ א שעטעכ סאכאקל 11 העקטאר.

נאָכנ 1955 יאָר האָט זיכ די דאָזיקע אויסגעצייכנטע פיטער־קולטור זייער שנעל פארשפרייט איבער אלע סאָווירטנ אונ קאָלווירטנ פונ דער געגנט. אסאכ האָבנ צוליב דעמ אופגעטאָנ די פארדינסטפולע אגראָנאָמענ פונ רספסר די כ־טע פריידקינא פונעמ קאָלווירט „איליטשס געבאָטנ" אונ די כ־טע יעריאָמינא — עלטערער וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער פונ דער געגנטלעכער לאנדווירטשאפטלעכער פרווו־סטאנציע. די ערשטע אינ דער געגנט זײַנענ זיי צוגעטראָטנ צו פארמערנ דעמ זייער צוגעפאסטנ צו די באדינגונגענ פונ ווײַטנ מיזרעכ סאָרט קוקורוזע „גאָלדענע" אונ זיכ דערשלאָגנ א הויכע גערעטעניש פונ גרינער מאסע אונ טרוקענע קערנער. פאר די פארגאנגענע יאָרנ זײַנענ אינ דער געגנט אויסגעוואקסנ צענדליקער מערקווירדיקע קוקורוזעציכטלער, עכטע מײַסטערס פונ הויכע גערעטענישנ. דאָס זײַנענ — אלעקסיי ראיטינ, ניקאָלײַ ליובינ, סערגיי יאראָוואָי פונ דזשאניאָווער סאָווירט, די ברידער נעסטער אונ אנופרי לעסקאָוו פונ בידזשאנער סאָווירט, באָריס קיבירעוו פונעמ סאָווירט „פאָגראניטשני" אונ פיל אנדערע.

אצינד איז קוקורוזע געוואָרנ אינ דער געגנט די וויכטיקסטע פיטער־קולטור. זי פארנעמט 13 פראָצענט פונ אלע פארזיי־שטאָכימ. די קוקורוזעציכטלער האָבנ איצט גענומענ א קורס ניט אפ פארברייטערנ אומענדלעכ דעמ פארזיי־שעטעכ אונטער דער דאָזיקער קולטור, נאָר אפ העכערנ די גראָטנקײַט, אפ באקומענ ניט בלויז סילאָס־מאסע, נאָר אויכ קאטשענעס אינ וואקס־רײַפקײַט אונ פולער רײַפקײַט.

אינ די פלענער אפ די יאָרנ 1965—1970 איז אָנגעמערקט געוואָרנ, ברייט אָנווענדנדיק די דערגרייכונגענ פונ דער אגראָכימיע, העכערנדיק די קולטור פונ דער ערדארבעט, דערפירנ צומ 1970 יאָר די דורכשניטלעכע גערעטעניש פונ א העקטאר: טווּע — ביז 11,2 צענטנער, סאָיע — ביז 8,1, קארטאָפל — ביז 85, גרינס — ביז 105, קוקורוזע אפ סילאָס — ביז 200 צענטנער.

פונ יאָר צו יאָר פארברייטערט זיכ אונ וואקסט אינ די קאָלווירטנ אונ סאָווירטנ פונ דער געגנט די פיצוכט. פונ 1958 ביז 1965 יאָר האָט זיכ די צאָל גרויס האָרנפי פארגרעסערט אינ 2 מאָל, דערונטער קי — אינ 2,2 מאָל. כאזיירימ איז פאר דער דאָזיקער צײַט געוואָרנ מער אפ 62 פראָצענט. דער סכומ פיצוכט־פראָדוקציע וואקסט מיט שנעלערע טעמפנ, איידער די גרייס פונ דער טשערעדע.



אינ 1965 יאָר האָט די געגנט פארקויפט דער מעלוכע: מילכ — אינ 2,1 מאָל מער איידער אינ 1958 יאָר, פלייש — אינ 1,9 מאָל אונ אייער — אינ 12,3 מאָל מער. די ערשטע העלפט פונ 1966 יאָר האָט באוויזנ, אז די דאָזיקע ציפערנ זײַנענ ניט קיינ גרענעצ, אז די פארגרייטונגענ פונ פיצוכט־פראָדוקטנ קאָנ מענ באדײַטנדיק פארגרעסערנ. אונ דאָס איז זייער לוינבאר פאר די סאָווירטנ אונ קאָלווירטנ, דאָס וועט זיי שטארק מיטהעלפנ צו פארפעסטיקנ זייער עקאָנאָמיק.

די ספעציאליזאציע, וואָס ווערט איצט פארווירקלעכט אינ אלע צווײַגנ פונ דער לאנדווירטשאפטלעכער פראָדוקציע, האָט זיכ באזונדערס גוט ארויסבאוויזנ אינ דער אויפעסצוכט. אינ 1958 יאָר האָט קימאט יעדער קאָלווירט אונ סאָווירט געהאט א קליינינקע אויפעס־פערמע, וועלכע האָט, אלס קלאל, געבראכט בלויז העזעק. אצינד איז די אויפעסצוכט קאָנצענטרירט אינ צוויי סאָווירטנ — דעמ פארטיזאנישנ אונ איזוועסטקאָווער. בלויז דער פארטיזאנישער סאָווירט האָט אינ 1965 יאָר געגעבנ מער פונ 8 מיליאָנ אייער. דאָס איז אינ העכער 10 מאָל מער, איידער עס האָבנ געגעבנ אינ 1958 יאָר אלע ווירטשאפטנ פונ דער געגנט צוזאמענ גענומענ.

לויט א באשלוס פונ דער רעגירונג פונ דער רוסלענדישער פעדעראציע איז דער פארטיזאנישער סאָווירט רעאָרגאניזירט אינ אנ אויפעס־פאבריק. אינ צוזאמענהאנג דערמיט זײַנענ אפ דער בויונג פונ פראָדוציר־געבײַענ, וווינונגענ, קולטור־שטייגערישע אנשטאלטנ אסיגנירט געוואָרנ גרויסע סומעס. בלויז אינ 1965 יאָר איז אפ די דאָזיקע צילנ פארטאָנ געוואָרנ בא 900 טויזנט רובל.

אינ די סאָווירטנ אונ קאָלווירטנ פונ דער געגנט נייענ זיכ באהעפטע קאָלעקטיוונ, וועלכע זײַנענ פייִק צו לייזנ סאמע קאָמפליצירטע ווירטשאפטלעכע אופגאבנ. וועגנ איינעמ אזא קאָלעקטיוו איז קעדײַ צו דערציילנ גענויער.

...העכער א קילאָמעטער פונ צאָפנ־מיזרעכ אפ דאָרעמ־מײַרעוו האָבנ זיכ אויסגעצויגנ די גלײַכע גאסנ פונעמ דאָרפ נאָוואָיע. עס איז טאקע אפ אנ עמעס א נײַ דאָרפ. צוזאמענ מיט דער געגנט איז עס געבוירנ געוואָרנ, צוזאמענ מיט איר געוואקסנ אונ געפעסטיקט זיכ. דער היגער קאָלווירט „טרודאָוואיא ניוואַ" איז א גרויסע פילצווײַגיקע ווירטשאפט. די קאָלווירטניקעס באקומענ אויסגעצייכנטע גערעטענישנ פונ טווּע, סאָיע, קוקורוזע, גרינס, אצינד האָבנ זיי זיכ ערנסט גענומענ אויכ פאר קארטאָפל. צו 13—14 צענטנער ווייצ, האָבער אונ גערשטנ פונ א העקטאר האָט מענ דאָ באקומענ אינ 1965 יאָר. צווישנ די ערשטע האָט דער קאָלווירט „טרודאָוואיא ניוואַ" אויסגעפילט זײַנ פלאנ פונ פארקויפנ ברויט דער מעלוכע, געשאפנ זריִע־פאָנדנ, רײַכ באצאָלט די מי פונ די קאָלווירטניקעס.

גוטע רעזולטאטנ האָט זיכ דערשלאָגנ דער דאָזיקער לאנדווירטשאפטלעכער ארטעל אויכ אינ דער פיצוכט. אפ די פערמעס, אינ פונדאמענטאלע קו־שטאלנ אונ קעלבער־שטאלנ, ווערנ אופגעהאלטנ בא העכער 1.200 שטיק גרויס האָרנפי, דערונטער 400 קי, אפ דער כא־



א נײַ הויז אין דער שטאָט סאָראָקי.

זיירים־פערמע—מער פון 700 כאַזיירים. דורכשניטלעכ פון א קו האָט מען דאָ אינ 1965 יאָר אָנגעמאָלקנ צו 2.528 קילאָגראמ מילכ. פון רע־אליזירנ פיצוכט־פראָדוקטנ האָט דער קאָלווירט באַקומענ העכער 272 טויזנט רובל האכנאָסע. אינ 1966 יאָר וועט דער פארקויפ פון מילכ דער מעלוכע שטײַגנ מער ווי אפ 25 פראָצענט, און די האכנאָסע, נעמענדיק אינ אכט די העכערונג פון די אײַנקויפ־פרײַזנ, וועט זיכ פארגרעסערנ אינ עטלעכע מאָל.

צווישנ די פיציכטלער פון „טרודאָוואיא ניווא" זײַנענ פאראנ אסאכ עכטע ארבעטס־העלדנ. דאָס זײַנענ די מעלקערנס וואלענטינא ניקאָלײַעוונא יאראָוואיא, יעפראָסיניא קאָנסטאנטינאָוונא מיראָשניטשענקאָ, יעקאטערינא קירילאָוונא יעליסייעווא, דער פי־אופזעער און פאסטעכ קוזמא פראָקאָפיעוויטש רודענקאָ, די קעלבערציכטלערנס מאריא איוואַ־נאָוונא טרעפילאָווא, מאריא קוזמינישנא פיטשקינא און פיל אנדערע. אפ זיי גלײַכנ זיכ, פון זיי נעמענ א בײַשפיל אלע פיציכטלער פון דער געגנט.

לויטנ פערספעקטיוו־פּלאנ פון אנטוויקלענ די לאנדווירטשאפט פון דער געגנט אפ די יאָרנ 1965—1970 איז אָנגעמערקט א גרויסער וווּקס פון דער פראָדוקטיוויקײַט פונעמ פי און פון די פארגרײַטונגענ. שוינ אינ 1966 יאָר דארפ פארקויפט ווערנ 4.676 טאָנ פלייש, 23.550 טאָנ מילכ און 7.300 טויזנט שטיק אייער. אינ 1970 יאָר דארפ דער דורכ־שניטלעכער געמעלק פון א קו איבערשטײַגנ 2.000 קילאָגראמ מילכ.

קעדיי אויספילנ די אָנגעמערקטע פלענער, דארפ מענ קוידעמקאָל שאפנ א פעסטע פיטער־באזע. די סאָווירטנ און קאָלווירטנ האָבנ אלע מעגלעכקײַטנ צו פארגרייטנ יערלעכ ניט ווייניקער פון 25—30 צענטנער גראָבנ פיטער אפ יעדנ שטיק גרויס האָרנפי און ניט ווייניקער פון 15—20 טאָנ סילאָס אפ א קו. פיל קאָנ מענ אופטאָנ אויכ אפ צו באַ־זאָרגנ זיכ מיט אייגענע קאָנצענטרירטע פיטער. עס האנדלט זיכ אינ דעמ, אז די דאָזיקע מעגלעכקײַטנ זאָלנ אינ דער פולער מאָס אויסגע־נוצט ווערנ.

ג. מיצעל.



נײַע הײַזער אין סמידאָװיטשער סאָװירט.



די שול נומ. 7 אין דער שטאָט אָבלוטשיע.



דער קינאָטעאַטער אין ביראָבידזשאַן.



די ביבליאָטעק אפ שאָלעם-אלייכעמס נאָמען אין ביראָבידזשאַן.



דער קולטור־פּאַלאַץ אין כינגאַנסק.



אין דער קינדער־שער מוזיקאַלער שול.

# אַלץ צוליבן מענטשן

צוזאַמען מיט דער עקאָנאָמיק פון דער געגנט וואַקסט אויך איר קולטור, עס שטײַגט דער מאַטעריעלער וווילשטאַנד פון די אַרבעטנדיקע. ניטאָ איצט אַף דער טעריטאָריע פון דער געגנט קיין איין באַפעלקערטער פונקט אָן עלעקטראָ־שײַן, ראַדיאָ, טעלעפאָן־פאַרבינדונג, קינאָ.

אָט זײַנען אייניקע ציפערן, וועלכע ריידן אַליין פאַר זיך. אין די שטעט, אַרבעטער־ישובֿים און דערפער פון דער געגנט ווערט אָנגעציילט באַ 200 קלובן און ביבליאָטעקן, 126 באַוועגלעכע, 60 היימ־ביבליאָטעקן און 5 פאָנאָטעקעס, 190 קרײַזלעך פון קינסטלערישער זעלבסטטעטיקייט. אין ביראָבידזשאַן, אָבלוטשיע, אַמורזעט און טעפּלאָ־אָזיאָרסק אַרבעטן קינדערישע מוזיקאַלע שולן.

א גרויסע פּאָפּולערקייט צווישן דער באַפעלקערונג האָבן דעראָבערט דער ביראָבידזשאַנער שטאָטישער און אַמורזעטער דאָרפישער פאָלקס־טעאַטערס. די ביראָבידזשאַנער אַרטיסטן־ליבהאָבער האָבן מיט זייער אָרדנטלעכן ספּעקטאַקל — א. נ. אָסטראָווסקיס „באַלזאַמינאָווס כאַסענע" זיך באַטייליקט אינעם אַלפאַרבאַנדישן דורכקוק פון פאָלקס־טעאַטערס אין מאָסקווע, זײַנען אַרויסגעטראָטן אַף דער בינע פונעם קרעמל־טעאַטער. צוויי נײַע שטעלונגען — שאָלעם־אַלייכעמס איינאַקטערס „מאַזלטאָוו" און „א דאָקטער" האָט צוגעגרייט דער ייִדישער דראַמאַטישער קאָלעקטיוו באַם שטאָטישן קולטור־פּאַלאַץ.

פעסט איז אַרײַן אינעם שטייגער פון די אַרבעטנדיקע פון דער געגנט קינאָ. בלויז פאַרן פאַריקן 1965 יאָר האָבן מער פון 200 קינאָ־אײַנריכטונגען באַדינט באַ 5 מיליאָן צושויער. אין ביראָבידזשאַן, טעפּלאָאָזיאָרסק, כינגאַנסק, אָבלוטשיע, בידזשאַן אַרבעטן ברייטעקראַניקע קינאָטעאַטערס.

עס וואַקסט די נעץ קולטור־אופקלער־אַנשטאַלטן. נײַע קלובן זײַנען פאַר די לעצטע יאָרן אויסגעבויט געוואָרן אין געגנטלעכן צענטער, אין בידזשאַן, קוואַשנינאָ, קיראָווע, ביראַקאַן און אַנדערע באַפעלקערטע פונקטן. דאָ ווערט געפירט א גרויסע דערציִונגס־אַרבעט.

א צענטער פונעם גײַסטיקן לעבן פון די ביראָבידזשאַנער אַרבעטנדיקע איז געוואָרן דער נײַער קולטור־פּאַלאַץ. אַף זײַן סצענע גייען קימאַט אַלע ספּעקטאַקלען פון די כאַבאַראָווסקער טעאַטערס. עס זײַנען דאָ אַרויסגעטראָטן אויך די טעאַטערס פון אירקוטסק, אולאַן־אודע, טשיטאַ, קאָמסאָמאָלסק, בלאַגאָוועשטשענסק, וולאַדיוואָסטאָק, פּילצאָלי־





דער וואַנע־קאָרפּוס פונעם קוראָרט „קולדור".

קע מוזיקאלע און כאָרעאָגראפישע אנסאמבלענ. אינטערעסאנטע קאָנצערטנ האָבנ געגעבנ די באוווּסטע עסטראדע־זינגער עמיל האָראָוועצ און נעכאמע ליפשיצײַטע, די פידלער בעלא פארכאָמענקאָ, וואלערי קלימאָוו, נינא ביילינא און פיל אנדערע. עס טרעט ארויס אפ דער בינע פונעמ בירָאָבידזשאנער קולטור־פאלאצ אויכ דער כאבאראָווסקער סימפאָנישער אָרקעסטער.

די ארבעטנדיקע פונ דער געגנט שרײַבנ אויס העכער 150 טויזנט עקזעמפּליארנ צײַטונגענ און זשורנאלנ פונ 634 נעמענ. יעדער מישפּאָכע באקומט דורכשניטלעכ צו 2—3 פּעריאָדישע אויסגאבעס. פונ יאָר צו יאָר וואקסט די צאָל היימישע ביבליאָטעקלעכ. קימאט אינ יעדער פאמיליע פונ אנ ארבעטער, קאָלווירטניק, אָנגעשטעלטנ קאָנ מענ אצינד געפינענ די ווערק פונ א. ס. פּושקינ, מ. יו. לערמאָנטאָוו, א. פּ. טשעכאָוו, ל. נ. טאָלסטאָי, א. מ. גאָרקי, שאָלעמ־אלייכעמ, מ. א. שאָלאָכאָוו, ק. סימאָנאָוו, ל. לעאָנאָוו און אנדערע שרײַבער. דער נאָכפרעג אפ ליטעראטור ווערט אלצ גרעסער. בלויז דער בירָאָבידזשאנער ביכער־מאגאזינ האָט פארנ 1965 יאָר פארקויפט ליטעראטור אפ 90 טויזנט רובל.

פונקט ווי אומעטומ אינ לאנד, האָבנ אויכ די ארבעטנדיקע פונ דער געגנט אָנגעהויבנ לעבנ פארמעגלעכער, קולטורעלער. אויסגעוואקסנ זײַנענ זייערע באדערפענישנ אינ קליידונג, שוכווארג, קולטור־שטייגערישע סכוירעס. דעמ דאָזיקנ נאָכפרעג באפרידיקט א ברייטע נעצ האנדלס־אונטערנעמונגענ. בלויז אינ געגנטלעכנ צענטער האָבנ אינ 1965 יאָר זיכ געעפנט 12 נײַע מאגאזינענ, אויסגעשטאטע אפ א מאָדערנעמ אופנ: דאָס קליידער־הויז, „די קינדער־וועלט", א גאסטראָנאָמישער מאגאזינ און פארפיומעריע־מאגאזינ אינ ראיאָנ פונעמ יישעוו אפ בומאגינס נאָמענ און אנדערע. עס איז פארברייטערט געוואָרנ קימאט אינ צוויי מאָל דער לאָקאל פונעמ אוניווערסאלנ מאגאזינ. צוגעקומענ זײַנענ נײַע גאָרקיכנ, קאפע.

אינ בירָאָבידזשאנ, אָבלוטשיע, טעפּלאָאָזיאָרסק, סמידאָוויטש, לענינסק און אנדערע באפעלקערטע פונקטנ ארבעטנ קאָמבינאטנ פונ שטייגער־באדינונג. זיי האָבנ פילצאָליקע פיליאלנ אינ די דערפער און ארבעטער־יישוווימ.

עס פארבעסערט זיכ אומופהערלעכ די מעדיצינישע באדינונג פונ דער באפעלקערונג. אינ די שטעט און דערפער פונ דער געגנט ווערט איצט אָנגעציילט בא 200 שפּיטאָלנ, פעלדשער־אקושאָרישע פונקטנ און אפּטייקנ. עס איז קימאט ניטאָ קיינ איינ דאָרפ אָנ א מעדיצינישנ טוער. אינ יעדנ גרעסערנ באפעלקערטנ פונקט קאָנ יעדער ארבעטנדיקער באקומענ אָנ געצאָלטס רעכטצײַטיק הויכקוואליפיצירטע מעדיצינישע הילפ. עס צעוואקסט זיכ און ווערט אלצ פרעכטיקער דער קוראָרט „קולדור", וועלכער האָט אנ אלפארבאנדישע באדײַטונג. עס בויענ זיכ אלצ נײַע און נײַע קאָרפּוסנ, עס ווערט ווילײַנגעאָרדנט די טעריטאָריע.

40 טויזנט קינדער פונ ארבעטער, קאָלווירטניקעס און אָנגעשטעלטע לערנענ זיכ אינ די שולנ פונ דער געגנט. יעדעס יאָר קומענ צו



נײַע גערוימע, ליכטיקע שול־געבײַדעס. די ספּעציעלע מיטעלע לערנ־אנשטאלטנ — דער לאנדווירטשאפטלעכער טעכניקומ, די מעדיצינישע און פעדאגאָגישע שולנ, די שול פונ קולטור־אופקלער־טוער, די אָוונטיקע אינדוסטריעלע טעכניקומס — לאָזנ ארויס יערלעכ הונדערטער יונגע ספּעציאליסטנ. אינ פארשיידענע שטעט און דערפער פונ קאנט ארבעטנ דערפאָלגרײַכ לערער, פעלדשערס, בויער, טעכניקער, ביבליאָטעקערס און קלוב־טוער, וועלכע האָבנ באקומענ בילדונג אינ אונדזער געגנט.

אינ בירָאָבידזשאנ דערשײַנענ צוויי געגנטלעכע צײַטונגענ — „בירָאָבידזשאנסקאיא זוועזדא" אפ דער רוסישער שפּראכ און „בירָאָבידזשאנער שטערנ" אפ דער יידישער שפּראכ. אינ אָבלוטשיע דערשײַנט א ראיאָנישע צײַטונג „איסקרא כינגאנא".

דער אמאָל פארוואָרפענער ראנדגעביט פונעמ צארישנ רוסלאנד, ווו עס האָט געהערשט ווילדע טײַגע, האָט זיכ אצינד פארוואנדלט אינ א געגנט, ווו עס אנטוויקלט זיכ שטורמיש די עקאָנאָמיק און קולטור.

יע. קאָרסונסקי.

## פאר א זיג פונ דער קאָמוניסטישער מי

די באוועגונג פאר קאָמוניסטישער מי איז א העלע אנטפלעקונג פונ דער וואקסנדיקער פאָליטישער און ארבעטס־אקטיווקייט פונ די סאָוועטישע מענטשנ. די ערשטע אינ דער געגנט האָבנ אונטערגעכאפט די מערקווירדיקע איניציאטיוו פונ די אײַזנבאנער פונ דער סטאנציע מאָסקווא־סאָרטיראָוואָטשנאיא די מעטאלגיסער פונעם זאוואָד „דאלסעלכאָזמאש" און די בויער פונ אונר־254. אצינד געפינענ זיכ שוינ אינ די רייענ פונ דער רומפולער באוועגונג פונ די אויסשפירער פונ דער צוקונפט די קאָלעקטיוונ פונ 87 אונטערנעמונגענ, קאָלווירטנ און סאָווירטנ פונ דער געגנט, 949 צעכנ, אומבײַטנ און בריגאדעס מיט אנ אלגעמיינער צאָל העכער 18 טויזנט מענטשנ. 222 קאָלעקטיוונ מיט אנ אלגעמיינער צאָל מער פונ 3.700 מענטשנ איז דער הויכער טיטל שוינ צוגעייגנט געוואָרנ. מיטנ טיטל שלאָגלער פונ קאָמוניסטישער מי זײַנענ באערט געוואָרנ בא צוויי א האלבע טויזנט אוואנגארדיסטנ פונ דער אינדוסטריע, בויונג, טראנספּאָרט און לאנדווירטשאפט.

די ערשטע אינ דער געגנט און אינעם קאנט אונטערנעמונג פונ קאָמוניסטישער מי איז געוואָרנ די ביראָבידזשאנער טריקאָטאזש־פאבריק. קעגנזײַטיקע הילפ, כאווערישע שטיצע און הויכע פּאָדערהאפטיקײַט איינער צום אנדערנ — אזעלכע זײַנענ די לעבנס־קלאָלימ פונ דעם דאָזיקנ קאָלעקטיוו. די גאנצע פּאָליטישע מאסנ־ארבעט דינט דאָ אפ צו דערציִענ און פעסטיקנ בא די מענטשנ א קאָמוניסטישע באציִונג צו דער מי, צום פאָלקס־אייגנטום, אנטוויקלענ די שטרעבונג צו אומופהערלעכער פארפולקומונג און גײַסטיקנ וווּקס.

א גרויסע ראָל אינ אָט דער הינזיכט שפּילט די געשאפענע אפ דער פאבריק שול פונ קאָמוניסטישער דערציִונג, ווו עס ווערנ דערלערנט סײַ פּאָליטישע, אזוי אויכ עקאָנאָמישע פראגנ. די דאָזיקע שול האָבנ שוינ פארענדיקט צענדליקער ארבעטער. אינ דער סיסטעמ פונ פּאָליט־בילדונג, אינ קרײַזלעכ פונ טעכנישער לער, אינ די שולנ פונ דער ארבעטער־יוגנט לערנענ זיכ אפ דער פאבריק בא 600 מענטשנ. צענדליקער ארבעטער און אָנגעשטעלטע לערנענ זיכ הינטערויגיק אינ טעכניקומס און הויכשולנ.

ברייט זײַנענ דאָ אנטוויקלט די געזעלשאפטלעכע יעסוידעס. קימאט יעדערער פּילט אויס דעמ אָדער יענעמ אונטראָג. בלויז אינ באשטאנד פונ דער באשטענדיק טעטיקער פראָדוציר־בארטונג גייענ ארײַנ 60 מענטשנ. די דאָזיקע בארטונג האָט באמ אָנטייל פונעם אקטיוו באהאנדלט און אָנגעמערקט קאָנקרעטע מאָסמיטלענ אפ צו פארבעסערנ די קוואליטעט פונ דער פראָדוקציע, פארפולקומענ די ארבעטשוץ און די געפארלאָזיקײַט־טעכניק, די ארבעטס־נאָרמירונג א.א.וו. אפ דער פאבריק זײַנענ פאראנ א ראט פונ יונגע ספּעציאליסטנ, ערשטיקע אָרגאניזאציעס פונ דער אלפארבאנדישער געזעלשאפט פונ דערפינדער און ראציאָנאליזאטאָרס און פונ דער וויסנשאפטלעכ־טעכנישער געזעלשאפט. א גרויסע דערציִונגס־ארבעט פירנ דורכ די ראטנ פונ די אומבײַטנ. אקטיוו ארבעטנ די פאָלקס־קאָנטראָליאָרנ.

אינעמ זיכערנ די עפנטלעכקײַט און ווירקזאמקײַט פונ דער פארמעסטונג, אינעמ פאנאנדערוויקלענ די קריטיק און זעלבסטקריטיק שפּילנ א גרויסע ראָל די טעגלעכע וואנט־צײַטונג „טריקאָטאזשניצא", ווי אויכ די פלוגבלעטלעכ, „בליצ"־פלאקאטנ, סאטירישע „שטעכלקעס", וועלכע ווערנ רעגולער ארויסגעלאָזט. אינ אלע צעכ־קאָלעקטיוונ זײַנענ אײַנגעפירט „ביכער פונ ארבעטס־אופטוענ". אָפּצוהיטנ הייליק די געבאָטנ פונ די אויסשפּירער פונ דער צוקונפט רופט דעמ קאָלעקטיוו די העל אויסגעפאָרמירטע אינהאלטסרײַכע אָנשוילעכע אגיטאציע.

דאָס אלצ צוזאמענ גענומענ, ווירקנדיק אפנ הארצ און סייכל פונ די מענטשנ, רופט בא זיי ארויס א שטרעבונג צו ארבעטנ נאָכ בעסער, פראָדוקטיווער. פונ יאָר צו יאָר, פונ כוידעש צו כוידעש שטײַגנ איבער די ביראָבידזשאנער טריקאָטאזשניקעס דעמ מעלוכע־פלאנ און זייערע סאָציאליסטישע פארפליכטונגענ.

עס פעסטיקנ און מערנ זיכ די שפּראָצלינגענ פונ נײַעמ, קאָמוניסטישנ. דער ארבעטסלוינ ווערט ארויסגעגעבנ אינ די צעכנ אָנ א קאסיר. צײַטונגענ און זשורנאלנ ווערנ פארקויפט אָנ א פארקויפער. אפ געזעלשאפטלעכע יעסוידעס ארבעט א ביכער־מאגאזינ, דער צוטריט צו די ביכער איז א פרײַער. אינ די צווישנבאציִונגענ פונ די ארבעטערנס איז צו מערקנ אלצ מער ווארעמקײַט, הארציקײַט. עס איז נאָכ ניט געווענ אזא פאל, אז די מיטגלידער פונ א בריגאדע זאָלנ ניט באזוכנ א קראנק געוואָרענעמ כאווער, ניט ארויסווײַזנ אימ אינ א שווערער מינוט די נייטיקע הילפ. אפ דער פאבריק איז שוינ געוואָרנ א מינהעג אָפּצומערקנ דעמ געבורטסטאָג פונ די ארבעטערנס. א כאסענע, א קינד איז געבוירנ געוואָרנ — אלצ ווערט אָפּגעמערקט ווי א געמיינזאמע סימכע, א געמיינזאמער יאָמטעוו. אָפט באזוכט מענ קאָלעקטיוו קינאָ און טעאטער.

אסאכ מערקווירדיקס איז פאראנ אפנ כעזשבנ פונ די אויסשפּירער פונ דער צוקונפט. זיי זײַנענ די איניציאטאָרס פונ דער לענינישער ארבעטס־וואכטע, וועלכע ווערט דורכגעפירט אינ דער געגנט יעדנ יאָר לעקאָוועד דעמ געבורטסטאָג פונ וולאדימיר איליטש לענינ. דער ביראָבידזשאנער שטאָטקאָמ קפּסס און די ראיאָנישע פּארטיי־קאָמיטעטנ צוזאמענ מיט די אויספירקאָמענ פונעמ ביראָבידזשאנער שטאָטישנ און

ראיאָנישע סאָוועטן האָבן אײַנגעשטעלט ספּעציעלע איבערגייענדיקע פּאָ־
נען פאַר די זיגער פון דער לענינישער ארבעטס־וואכטע. די דאָזיקע
פּאָנען ווערן אין א פּיַערלעכער אומגעבונג איבערגעגעבן אפּ די פארּ־
זאמלונגען, געווידמעט וו. אי. לענינס אָנדענק.
אלצ ברייטער וויקלט זיכ פאנאנדער די פארמעסטונג פאר קאָמוניס־
טישער מי אויכ אינ דאָרפ. לויטן לענינישן פּרינציפּ—„אלע פאר איינעמ,
איינער — פאר אלעמענ” לעבן אונ ארבעטן די קאָלעקטיוונ פונ די
מילכ־פערמעס פונעמ קאָלווירט „טרודאָוואיא ניווא” אונ פונ דער ערש־
טער אָפּטיילונג פונ נאדעזשדינסקער סאָווירט, דער קאָלעקטיוו פונ דער
כאזיירימציכטלערישער פערמע פונעמ בידזשאנער סאָווירט.
אינ די טעג, ווענ דאָס לאנד האָט אָפּגעמערקט וו. אי. לענינס
96־טנ געבורטסטאָג, איז א פריידיקע יעדיע דערגאנגענ צו די פעלדציכט־
לער אונ פיציכטלער פונעמ פּארטיזאנישנ סאָווירט: פאר די דערגרייכ־
טע דערפאָלגנ האָט דער סמידאָוויטשער ראיקאָמ קפּסס אונ דער ראיויס־
פּירקאָמ צוגעמישפּעט דעמ קאָלעקטיוו פונעמ סאָווירט די לענינישע
רויטע פאָנ. אונ נאָכ אינ עטלעכע טעג ארומ איז באוווּסט געוואָרנ, אז
לויט די סאכאקלענ פונעמ ערשטנ קווארטאל איז דעמ סאָווירט איבער־
געלאָזט געוואָרנ די איבערגייענדיקע רויטע פאָנ פונ קאנטקאָמ קפּסס
אונ קאנטויספּירקאָמ אונ ער איז פארשריבנ געוואָרנ אפנ קאנטישנ
ערנ־טאָוול.
א פארדינטע באלוינונג! דער סאָווירט שטײַגט איבער סיסטעמאטיש
זײַנע סאָציאליסטישע פארפליכטונגענ צו פארקויפנ פיצוכט־פּראָדוקציע
דער מעלוכע. אָרגאניזירט ווערנ געפירט אויכ די פעלד־ארבעטנ. א
גרויסע ראָל אינעמ דערגרייכנ די דאָזיקע דערפאָלגנ שפּילט די ווירק־
זאמע פארמעסטונג, אינ וועלכער עס באטייליקנ זיכ אקטיוו אלע פי־
ציכטלער אונ אויפּעסציכטלער, פעלדציכטלער אונ מעכאניזאטאָרס. בעראָש
פונ דער פארמעסטונג גייענ די קאָמוניסטנ. מיט וואָרט אונ טאט, מיטנ
פּערזענלעכנ בײַשפּיל פירנ זיי נאָכ זיכ דעמ גאנצנ קאָלעקטיוו. אזוי,
אשטייגער, איז צווישנ די אויפּעסציכטלערנס שטארק געאכטעט די קאָ־
מוניסטקע אלעקסאנדרע פּעטראָוונא פּאנאָווא, אפּ דער מילכ־סכוירעדי־
קער פערמע גלײַכנ זיכ אלע אפנ פּארטיי־מיטגליד דער מעלקערנ ליו־
באָוו ניקיטיטשנא קאָוואליעווסקאיא, צווישנ די מעכאניזאטאָרס צייכנט
זיכ אויס דער רינגלער־קארטאָפלציכטלער, דער קאָמוניסט איוואנ לאַ־
בוסאָוו.
די סאָציאליסטישע פארמעסטונג איז א לעבעדיקע, שעפערי־
שע זאכ. אָנפירנ מיט איר דארפ מענ טאָגטעגלעכ. אָט אזוי טוענ טאַ־
קע די סאָווירטישע פּארטיי־אָרגאניזאציע אונ דער ארבעטער־קאָמיטעט.
די וויכטיקסטע פּראָדוציר־פראגנ ווערנ באהאנדלט אפּ פארזאמלונגענ
פונ די קאָמוניסטנ, אפּ זיצונגענ פונ דער פּארטיי־ביוראָ. די פּארטיי־
ביוראָ גיט קעסיידער אכטונג אפנ גאנג פונ דער פארמעסטונג, זיכערט
איר ברייטע עפנטלעכקײַט. די זיגער ווערנ איבערגעגעבנ איבערגייענ־
דיקע פענדלעכ אונ וויַמפּעלנ. אפּ דער מילכ־פערמע אונ אויפּעס־פערמע
זײַנענ אויסגעשטאט רויטע ווינקלענ, יעדנ טאָג ווערנ דאָ ארויס־



געהאנגענ „קאלענדארנ פונ ארבעטס־רומ”, פלאקאטנ „ווער גייט הײַנט
פאָרויס?”, רעגולער ווערנ געפירט די צײַגער־טאָוולענ.
די קאָלעקטיוונ פונ דער מילכ־פערמע אונ אויפּעס־פערמע האָבנ א
לאנגע צײַט געקעמפּט פארנ רעכט אָנצורופנ זיכ קאָלעקטיוונ פונ קאָ־
מוניסטישער מי. דער דאָזיקער הויכער טיטל איז זיי צוגעייגנט גע־
וואָרנ. אצינד האָט זיכ דער גאנצער סאָווירט אײַנגעשלאָסנ אינ דער
פארמעסטונג פאר א קאָמוניסטישער באציִונג צו דער ארבעט.
די פארמעסטונג פאר קאָמוניסטישער מי האָט איצט ארומגעכאפּט
אלע אונטערנעמונגענ, סאָווירטנ אונ קאָלווירטנ פונ דער געגנט. די
רייענ פונ די אויסשפּירער פונ דער צוקונפט ווערנ וואָס א טאָג פאר־
פולט מיט אלצ נײַע אונ נײַע פאָרגעשריטענע מענטשנ פונ שטאָט אונ
דאָרפ. אינ דעמ איז די גאראנטיע פונ דער ווײַטערדיקער צעבליִונג
פונ דער געגנט, פונ נײַע דערפאָלגנ אינ דער אנטוויקלונג פונ איר
עקאָנאָמיק אונ קולטור.

נ. קאָרטשמינסקי.

ЛВНЭ4(ЕвН)!В191
Е 223

# אינהאלט

נ. פרידמאנ. אינ אנ איינהײַטלעכער ברידערלעכער מישפּאָכע . . . . . . . . . . . . . . 3
ד. שאוער. פונ קוסטארע ארטעלנ ביז מאשינבוי־זאוואָדנ . . . . . . . . . . . . . . . 9
ג. מיצעל. עס צעבליט זיכ די בײַאמורער ערד . . . . 17
יע. קאָרסונסקי. אלצ צוליבנ מענטשנ . . . . . . . 25
נ. קאָרטשמינסקי. פארנ זיג פונ דער קאָמוניסטישער מי 28

**ЕВРЕЙСКАЯ АВТОНОМНАЯ ОБЛАСТЬ**

Хабаровское книжное издательство
г. Хабаровск, ул. Серышева, 31

Редактор **Н. А. Корчминский**
Художник **А. Г. Кобзев**
Технический редактор **М. И. Березань**
Корректор **К. З. Монасевич**

Сдано в набор 27/VI-1966 г.
Подписано к печати 29/VII-1966 г. ВЛ14168
Формат 84×108/32. Бум. л. 0,5, печ. л. 1,
усл. печ. л. 1,68, уч.-изд. л. 1,44+0,82 уч.-изд. л. вкладка.
Тираж 3000 экз. Заказ № 1320. Цена 11 коп.

Типография № 3 Краевого управления по печати,
Биробиджан, ул. Ленина 32